STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11110

PALESTINE ON A POROYKHES

Paul Novick

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּ. נאָוויק

פאלעסטינע
אָן א פאָרויכעס

מעלוכע-פארלאג פון ווײַסרוסלאנד
באצעקטער ○ מינסק ○ 1933

רעדאקטער — א. בער.
יטקארעקטור — האדער.
טעכרעדאקטער — קארפינאוויטש.

אפגעגעבן אין דרוקעריי דעם 26/I 1933 י.
אונטערגעשריבן צום דרוק — 28/II 1933 י.
ארויסגעגעבן — גרינהויז בדיגארדע א.ג. מאלאטאוו
פאראנט. קארעקטער פון דרוקעריי — שטריזמאן

אינהאלט

	זייט
פארווארט	3
1. פעסטונגען	7
2. טריקעניש	13
3. די מילכאמע פאר די טאלן	18
4. דארט, ווו די באיאנעטן וואקסן	23
5. מע ספעקולירט מיט פארדייסים	28
6. איבער די ציוניסטישע קאלאניעס	33
7. פון די קוווצעס קיין בירעבידזשאן	38
8. דער ארבעטער אין פאלעסטינע	44
9. דער היטלעריזם אין פאלעסטינע	50
10. וואס דער אראבער קריגט פון ציוניזם	55
11. דער ציוניזם וויל א „פאגראמל!"	60
12. די קאמוניסטישע באוועגונג אין פאלעסטינע.	64
13. ירושאליים — די „הייליקע שטאט"	70
14. טעלאוויוו דרייט זיך	75

דרוקעריי א. ג. סטאלינ
באשטעלונג 489.
טיראזש 3000.
גלאווליטבעל 1062.

פאָרוואָרט.

פאלעסטינע, ציוניזם — דאָס זײַנען איניאָגים, וואָס האָבן אין לאַנד פון פראָלע־טארישער דיקטאטור פארלאָרן זייער באזונדערע אקטועלקײַט פאר די ייִדישע מאסן — אָפּ וויפל די סאָוועטנמאכט לייזט ריכטיק די נאציאָנאלע פראגע און בויט איבער מיט שנעלע טעמפּן דאָס גאנצע ייִדישע לעבן אָף געזונטע יעסוידעס. די קאָלאָניזיר־ארבעט, די פיר ייִדישע ראַיאָנען אין אוקראַיִנע און קרים, ביראָבידזשאן, די מעכטיקע טעמפּן פון אינדוסטריאליזאציע צווישן די ייִדישע מאסן און דער קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם, ווי קעגן יעדער פאָרם פון שאָוויניזם — ייִדישן און ניט־ייִדישן, און, פון דער אנדער זײַט, דער פולשטענדיקער באנקראָט פון ציוניזם, ווי א „לייזונג" פון דער „ייִדישער פראגע", האָט ארויסגעריסן דעם באָדן פון דער ציוניסטישער באוועגונג אין סאָוועטנפארבאנד. דער ציוניזם איז א זאך פון דער קאפּיטאליסטי־שער פארגאנגענהײַט, וואָס זײַן געדעכעניש הייבט שוין אָן פארגעסן צו ווערן. צווישן דער האָרעפּאשנער ייִדישער יוגנט, וועלכע באטייליקט זיך מיט אזא אימפּעט אין דער סאָציאליסטישער בויונג פון סאָוועטנפארבאנד, איז שוין דאָ א באדײַטנ־דיקער טייל, עפּשער דער גרעסטער, וואָס דער ציוניזם איז פאר אים א פרעמדער באגריף.

אָבער פאלעסטינע געפינט זיך אין געביט פון אימפּעריאליסטישע אינטריגעס און אין געביט פון דער אָנוואקסנדיקער אגראר־רעוואָלוציע אין די קאָלאָניאלע און האלב־קאָלאָניאלע לענדער, וואָס שמאכטן אונטערן יאָך פון ענגלישן, אמעריקאנישן, פראנצויזישן, יאפּאָנישן אימפּעריאליזם. און פאלעסטינע איז א רינג אין דער אל־וועלטלעכער אנטיסאָוועטישער קייט, א טייל פון אלוועלטלעכן קאָנטררעוואָלוציאָנערן פראָנט. אין פאלעסטינע ארבעט די קאָמוניסטישע פּארטיי אונטער באזונדערס שווערע באדינגונגען און ווײַזט דערבײַ ארויס א באזונדערן מעסירעס־נעפעש. איז נייטיק נעענטער זיך צו באקענען מיט דער לאגע אין פאלעסטינע. דאָס איז געווען דער צוועק פון מײַן רײַזע קיין פאלעסטינע אין כוידעש מײַ, לויטן אויפטראָג פון דער טעגלעכער קאָמוניסטישער צײַטונג „מאָרגן־פרײַהײַט" אין ניו־יאָרק [1].

[1] די פערצן ארטיקלען, וואָס גייען ארײַן אין דער בראָשור, זײַנען אין יוני — יולי דערשינען אין „עמעס" און אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט", ווי בריוו פון פאלעסטינע.

1

פאלעסטינע—דער קליינער שעטעך אפן ברעג פון מיטל־לענדישן יאם, ווייניקער ווי א העלפט די גרייס פון ליטע, פול מיט זאמדיקע און בערגיקע וויסטענישן—האָט שוין מיט טויזנטער יאָר צוריק געשפילט די ראָלע פון א ב ר י ק, און דיזעלביקע ראָלע שפילט פאלעסטינע אצינד. אפן וועג צווישן צוויי קאָנטינענטן—אפריקע און אזיע—איז פאלעסטינע מיט טויזנטער יאָר צוריק געווען די בריק פאר די קאראוואנען צווישן קאירא, באגדאד, דאמעסק, און איז איצט די בריק פאר ענגלאנד, פאר אירע צוויי ס ט ר א ט ע ג י ש ע א יי ז נ ב א ן ־ ל י נ י ע ס קיין עגיפטן און אינדיע (כייפע—סועץ־קאנאל—קאירא און כייפע—באגדאד) און די בריק פאר די נ א פ ט ־ ר ע ר ן פון מאָסול (איראק) צום מיטל־לענדישן יאם.

פאר דער מילכאָמע איז אף אָט דעם בריק פאָרגעקומען א פארביטערטער קאמף צווישן דייטשישן און ענגלישן אימפעריאליזם. דער דייטשישער אימפעריאליזם האָט געוואָלט דורך דער אייזנבאן בערלין־באגדאד צוקומען צום הארץ פון דער ענגלישער אימפעריע, אינדיע. האָט מאנעווירט מיט דער טערקישער רעגירונג—וואָס אונטער איר הערשאפט האָט זיך געפונען פאלעסטינע—און האָט אין דערזעלביקער צייט געשאפן פאר זיך דייטשישע קאָלאָניעס אין פאלעסטינע, אונטערן לאָזונג פון באזעצן זיך אין „הייליקן לאנד" פון יעזוס און מאריע. דער קראך פון דער דייטשישער און טערקישער אימפעריעס, וואָס איז געקומען ווי א רעזולטאט פון די מאפּאָלעס אף די שלאכט־פעלדער, האָט געגעבן דעם ענגלישן אימפעריאליזם א פרייע האנט אין פאלעסטינע. פארשטייט זיך, אז דער לאָזונג איז געווען, אז מע דארף אויסלייזן דאָס „יעזוס־לאנד" פון די הענט פון די „מאכמעדאנישע בארבארן". אין דערזעלביקער צייט האָט מען די אראבער צוגעזאָגט אן „אראבישע מעלוכע" אין גאנץ אראביסטאן, איינגעשלאָסן פאלעסטינע, און צוגעזאָגט אויסלייזן דעם מאכמעדאנישן קאָראן פון די הענט פון זיינע פארשוועכער, די טערקן... און אין דערזעלביקער צייט האָט מען צוגעזאָגט פאלעסטינע דעם „יידישן פאָלק", קעדיי פון איין זייט ארייַנטראָגן אין פאלעסטינע אן עלעמענט פון „גלייכגעוויכט" קעגן די שטרעמונגען פון די אראבער, און, פון דער אנדער זייט, קעדיי צו געווינען די סימפאטיעס פון דער יידישער בורזשואזיע אין אמעריקע און אנדערע לענדער, בייס די מילכאָמע איז נאָך פאָרגעקומען, און קעדיי צו אויפמונטערן די יידישע מאסן אין רוסלאנד, זיי זאָלן גיין זיך שלאָגן קעגן די דייטשן. אָבער דער סאכאקל פון די אלע גנייוישע מאנעווערס פון ענגלישן אימפעריאליזם איז געווען—קריגן פאלעסטינע, די סטראטעגישע בריק, די שוץ־וואנט פון סועץ־קאנאל, איינער פון די וויכטיקסטע אָדערן אינעם אָרגאניזם פון דער ענגלישער אימפעריע.

דייטשלאנד האָט זיך פרובירט באפעסטיקן אין פאלעסטינע מיט דער הילף פון קאָלאָניעס פון אייגענע אונטערטאנען. אזעלכע קאָלאָניעס זיינען פארן אימפעריאליזם באזונדערס גינסטיק, ווייל דאָס גיט שטענדיק א גוטן אויסרייד אף שיקן קריג־שיפן צו „פארטיידיקן די אייגענע בירגער". ענגלאנד איז אָבער אין איר אימפעריאליסטישער פאָליטיק שטענדיק געווינט צו שארן פייער מער מיט פרעמדע הענט: פאר איר גרויסער אימפעריע וואָלטן אירע „געטרייע אונטערטאנען" ניט געסטייעט. האָט

י אין פּאַלעסטינע זיך באַפּעסטיקט מיט דער הילף פון די ציוניסטישע קאָלאָניעס, װאָס זי האָט זיי אַפּריער אױפגעזעצט אױף אַ װולקאַן און דערנאָך גענומען „באַשיצן“ מיט קריג־שיפן און אַלערליי מישלען („באַשיצן“ די „יידישע היים“).

עס איז קוים אין װעלכער עס איז אימפּעריאַליסטישער קאָלאָניע געװען אַזאַ ענגערע צוזאַמענאַרבעט צװישן אימפּעריאַליסטישע אַגענטן־אונטערטאַנען און צװישן די אימפּעריאַליסטישע מיליטערישע קױכעס, װי דאָס איז דער פאַל אין פּאַלעסטינע. דער ציוניזם איז דאָ דער מ ע ש אָ ר ע ס פון ענגלישן אימפּעריאַליזם און זיין אַ װ אַ נ ג אַ ר ד. דער ציוניזם איז דאָ ד י ש פּ י ז, װאָס דער ענגלישער אימפּעריאַליזם האָט אַריינגערוקט אין אַראַביסטאַנישן האַלב־אינדזל. דורך פאַרשיידענע פּראָװאָקאַציעס און בלוט־פאַרגיסונגען האָט ער פריער אָנגעהעצט איין נאַציע קעגן דער אַנדערער — יידן קעגן אַראַבער און פאַרקערט — און האָט דעם ציאָניזם פולשטענדיק איינגעשפּאַנט אין זיין בלוטיקן רייטװאָגן, געמאַכט אים פאַר זיין װאַסערטרעגער.

2

מיט זיין אָנגריף קעגן די אַראַבישע אַרבעטער און פעלאַכן (פּויערים) און קעגן דער גאַנצער אַראַבישער אָרעמשאַפט — און זיי אַלע מאַכן אױס העכער אַכציק פּראָצענט פון „לאַנד“ — ענדיקט זיך ניט די ראָלע פון ציוניזם אין פּאַלעסטינע. דער ציוניזם פאַרנעמט דאָ אַ באַזונדער פּאָזיציע, װי אַן אָנגרייפער אין אַ נ ט י ס אָ װ ע ט י ש ן פ ר אָ נ ט.

דער ציוניזם איז באַזונדערס געטראָפן געװאָרן פון דער אָקטיאַבער־רעװאָליוציע. באַם ציוניזם איז אָפּגענומען געװאָרן אַ געביט פון פרוכטבאַרער אַרבעט — רוסלאַנד, אַ לאַנד פון „יידישע צאָרעס“, גזירעס און פּאָגראָמען. בענקט דער ציוניזם נאָך דער גוטער, אַלטער, צאַרישער צייט, נאָך די גזירעס און פּאָגראָמען, האָט דער ציוניזם אַ האַרץ אױף דער אָקטיאַבער־רעװאָליוציע, װעלכע האָט געמאַכט אַ סאָף צו רעכטלאָזיקייט און פּאָגראָמען און פירט אַ קאַמף קעגן נאַציאָנאַל־שאָװיניזם פון יעדן מין. אָבער די אָקטיאַבער־רעװאָליוציע, געבנדיק אַ טויט־קלאַפּ דעם ציוניזם אױפן געביט פון געװעזענעם רוסלאַנד, האָט אױך געגעבן אים אַ מעכטיקן קלאַפּ אין װעלט־מאַסשטאַב. די לענינישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פון דער סאָװעטן־רעגירונג האָט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע ב ע ע מ ע ס געגעבן אַ לייזונג דער „אַלטער יידישער פראַגע“. די האָרעפּאַשנע מאַסן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָבן ד ע ר ז ע ן די ריכטיקייט פון דעם רעװאָליוציאָנערן לאָזונג, אַז נאָר די פאַרניכטונג פון קאַפּיטאַליזם װעט מאַכן אַ סאָף צו נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. אין סאָװעטנפאַרבאַנד װערן די יידישע מאַסן פּראָדוקטיװיזירט, אַריינגעצױגן אין אַלע געביטן פון סאָציאַליסטישער בױונג, אין מעלוכע־אַפּאַראַט און אין דער אַרמיי, בעיס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, איינגעשלאָסן אַמעריקע, שטייגט די צאָל דעקלאַסירטע און עס בושעװעט אַ שטענדיקער עקאָנאָמישער פּאַגראָם, כוץ „געװיינלעכע“ פּאָגראָמען פון צייט צו צייט, לױטן אַלטן צאַרישן מוסטער. סאָװעטנפאַרבאַנד װייזט דעם אױסװעג פון די „אײביקע צאָרעס“. קיין ביראָבידזשאַן ציִען זיך טויזנטער יידישע האָרעפּאַשניקעס פון אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, איינ־

געשלאָסן פּאַלעסטינע. און דעריקער—די ייִדישע האָרעפּאַשניקעס אין די לענדער פון „גאָלעס" ווערן אַלץ מער ראַדיקאַליזירט, קומען אַלץ נעענטער צו דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. אָט די לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע און פון דער „ייִדישער פראַגע" און אָט די אַלץ מער וואַקסנדיקע סימפּאַטיעס פאַרן סאָוועטנפאַרבאַנד, האָבן עס אַרײַנגעוואָרפן דעם ציוניזם אין פאַרצווייפלונג און אַוועקגעשטעלט די ציוניסטן, די אַלטע מעשאָרסים פון פּאָן-פּלעווע, אַבדול-האַמיד און פּעטליורע, אין די רייען פון די פאַרביטערסטע קאָנטער-רעוואָליוציאָנערן.

די העצע פון כײַים נאַכמען ביאַליק און דער גאַנצער כאַוורוסע אין טעלאָוויוו איז ניט קיין צופאַל, ווי עס איז ניט קיין צופאַל דער פאַקט, וואָס אין יעדן קאַפּיטאַליסטישן לאַנד גייען די ציוניסטן האַנט אין האַנט מיט די גרעסטע שוואַרצמייעניקעס. דער ציוניזם איז פון אָנהייב אָן געווען א געווער אין די הענט פון דער בורזשואַזיע אין קאַמף מיט דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. אין איצטיקן פּעריאָד איז דער ציוניזם אַן אַקטיווע פּאָזיציע אַפן אַלוועלטלעכן פראָנט פון דער קאָנטער-רעוואָליוציע.

אין פּאַלעסטינע גופע מאָביליזירן זיך די ציוניסטיש-פאַשיסטישע מאַכנעס, ווי א שטיצע פון ענגלישן אימפּעריאַליזם אין קאַמף קעגן דער אַגראַר-רעוואָליוציע און אין דערזעלביקער צײַט—ווי א טייל פון די אינטערווענציע-מאַכנעס קעגן סאָוועטישן קאַווקאַז, אַף פאַרכאַפּן די נאַפט-קוואַלן פון באַקו און גראָזני, נאָך וועלכע דער מאַגנאַט הענרי דעטערדינג הערט ניט אויף צו גלוסטן.

עס איז פּילמאָך וויכטיק פאַרן ייִדישן האָרעפּאַשניק צו באַקענען זיך מיט דער אימפּעריאַליסטיש-ציוניסטישער פּאָזיציע, פּאַלעסטינע, ווי מיטן גאַנצן „ציוניסטישן „ייִשעוו".

פּאַלעסטינע שטייט פאַר נײַע געשעענישן. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין פּאַלעסטינע פירט א העלדישן קאַמף. עס פאָדערט זיך די הילף פון די האָרעפּאַשנע מאַסן אין אַלע לענדער—הילף אין פאָרם פון געלט-שטיצע פאַרן „מאָפּר", פון אַקטיווער אַרבעט אין „מאָפּר", און עס פאָדערט זיך נאָך א מער אימפּעטדיקע בויונג פון ביראָבידזשאַן, נאָך מער שלאָגלערישקײַט אין דער סאָציאַליסטישער בויונג פון גאַנצן סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס דאָס וועט ווידעראַמאָל שטאַרקן דעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. עס איז נייטיק א נעענטערע באַקאַנטשאַפט מיט דער אַרבעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּאַלעסטינע און מיט דער גאַנצער שטײַגנדיקער באַוועגונג פאַר סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרײַונג אַף דעם האַלב-אינדזל אַראַביסטאַן.

פּ. נאָוויק.

אווגוסט, 1932.

1

פעסטונגען

פאלעסטינע—נאָך קלענער, אומבאדייטנדיקער און אָרעמער, ווען איר קומט מיט דעם לאנד אין פערזענלעכער באריִרונג. דער אראבישער פעלאך (פויער)—נאָך אין אן ערגערער לאגע און נאָך מער אָנגעזאפּט מיט האס קעגן אימפּעריאליזם און ציִעניזם, ווי מע האָט זיך פאָרגעשטעלט פונדערווייטנס. דער ציִעניסטישער „יִשעוו“ — נאָך מענאכעמענדלשער, ניין—נאָך טראגישער, ווי מע האָט אים געקענט פון די ציפערן. און דער יִדישער ארבעטער אין פאלעסטינע — מער עקספּלואטירט ווי אין וועלכן עס איז קאפּיטאליסטישן לאנד אין „גאָלעס“ און אריינגעפּירט אין א טעמפּן ווינקל.

אָבער א באזוך אין פאלעסטינע גיט ניט נאָר א לאָקאלן קאָליר די פאקטן, וואָס זיינען אייך שוין באקענט אָדער שטרייכט דידאָזיקע פאקטן אונטער שארפער. איר דערוויסט זיך אף א באזוך פאקטן, איבער וועלכע די גאנצע יִידישדערוויסט... באלעבאטישע פרעסע האָט, ווי דורך א פארשווערונג, אריבערגעצויגן א געדיכטן פאָרויכעס. און ניט דורכגעלאָזט אויסער די גרענעצן פון דער „היים“—קעדיי די יִדישע מאסן אין „גאָלעס“ זאָלן זיך וועגן זיי ניט דערוויסן. דאָס זיינען בעעמעס אופטרייסלענדיקע פאקטן. און מיט דעם ווילט זיך אָנהייבן.

פאָרט איר אריין אין פאלעסטינע. איר פאָרט איין שאָ און נאָך איינע. איר קוקט ארויס פון פענצטער איינמאָל און נאָכאמאָל, און עס איז אלץ — זאמד. זאמדיקער מידבער. און אין וואגאָן איז פול מיט זאמד־שטויב. און אין מויל איז ביטער פון זאמד־שטויב. קריגט איר א רעאלע פארטייטשונג פון דעם, וואָס איר ווייסט שוין וועגן פאלעסטינע—אז דאָס לאנד פארמאָגט זאמדיקע וויסטעניִשן, און אז דער נעגעוו (דאָרעם־פאלעסטינע), וועלכער פארמאָגט צוויי דריטל פון דעם שעטעך פון לאנד, איז פול מיט אזעלכע מידבאָריעס.

אָדער—איר פאָרט אין יערושאָלאַיִם צום זאלציקן (טויטן) יאם. ס׳איז א דריטל פון דער גאנצער „בּרייט“ פון דעם „לאנד“—און איר קאָנט דאָסדאָזיקע דריטל אָפּפאָרן אין א האלבער שאָ. אָבער פאָרן פאָרט איר דורך די יעהודע־בערג. אפן גאנצן וועג איז ניטאָ איין גרעזל, איין בוים, איין קוואל. וויסטע, בריִענדיקע, אָנראכמאָנעסדיקע בערג פון שטיין און קאלך. דער אָנגעברענטער, פארשטויבטער אוו־

טאָמאָביל וואַרפֿט איין אַרויף און אַראָפּ און באַקט איין אויס אויף אַלע זייטן (די באַן גייט נאָר אין דער „לענג" פֿון לאַנד). איר קריגט ווידער אַ רעאַלע פֿאַרטייטשונג אויף באַקאַנטע באַגריפֿן: פּאַלעסטינע איז מוירעדיק קליין, אין פּאַלעסטינע פֿעלט וואַסער, פֿעלט פּרוכטבאַרע לאַנד.

קיבעש האָאַרעץ, קיבעש האַאַווידאָ (איינעמען דעם באָדן, איינעמען די אַרבעט). קאָלאָניזאַציע אין אַ קליין אָרעם לאַנד, וואָס איז אַ קאָלאָניע בא ענגלאַנד, — אַלץ ווערט פֿאַר איין לעבעדיק פֿאַרטייטשט. און איר דערזעט דעם ווערט פֿון דער „פּראָספּעריטי" (שעפֿע, ווילזיין) אין טעלאָוויוו. און איר זעט דעם גורל פֿון דעם יידישן אַרבעטער אין פּאַלעסטינע. די ציפֿערן און סטאַטיסטיק, וואָס איר האָט שוין געקענט פֿון פֿריער, באַקומען לעבעדיקן אינהאַלט, און אָפּט דערוויסט איר זיך זאַכן, וואָס דער יידיש־באַלעבאַטישער פּרעסע האָט זיך, צום ווינציקסטן טיילווייז, איינגעגעבן צו פֿאַרבאָרגן.

נאָר אָט דערוויסט איר זיך עטוואָס אַזוינס, וועגן וואָס איר האָט ניט געהאַט קיין באַגריף אַפּילע. עס איז דאָ אַ געביט, וואָס דער יידישער פּרעסע אין גאַנץ אויסלאַנד האָט זיך אינגאַנצן איינגעגעבן צו פֿאַרשטעלן אים פֿון די אויגן פֿון די יידישע מאַסן—אויך פֿון די אויגן פֿון ציוניסטן. און וועגן דעם ווילט זיך שרייבן קוידעמקאָל. דאָס איז דאָס שאַרפֿסטע, וואָס שניידט זיך איין אין זיקאָרן אויף אַ באַזוך אין פּאַלעסטינע. דאָס איז אויך דאָס שרייענדיקסטע, וואָס וואָרנט, וואָס זאָגט פֿאָרויס.

אָנגעשטויסן האָב איך זיך אויף דעם צום ערשטן אין קאָלאָניע מיטן נאָמען מאַגדיל, ניט ווייט פֿון טעלאָוויוו. אין סאַמע צענטער פֿון דער קאָלאָניע געפֿינט זיך אַ פֿאַרדעכטיקע געביידע.

גרויס—אַ ריז אין פֿאַרגלייך מיט די הייזלעך אַרום. דער קאָליר—אַש־גרוי, ערטערווייז בלאָטיק. דער מאַטעריאַל—בעטאָן און שטאָל. די ווענט—מאַסיווע, אינגאַנצן בלינד אַרום 6 פֿוס פֿון דער ערד. דאָ און דאָרטן וואַרפֿט זיך דורך אַ פֿענצטער — לאַנג און זייער שמאָל. נאָר אויבן, אַ צוויי פֿוס אונטערן קאַרניז—לעכער.

אויפֿן ערשטן בליק האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז אַ טווער־עלעוואַטער. צופֿיל וואַנט. אָבער וואָס טוט אַן עלעוואַטער אין מיטן קאָלאָניע, און נאָך אין אַ געגנט, ווו מען פֿאַרזייט ניט קיין טווע?

דער ענטפֿער איז געווען: ס'איז אַ בעטמעדרעש, איך האָב זיך אָנגעהויבן וונדערן—און עס איז געקומען נאָך אַן ענטפֿער:

— די געביידע איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויך פֿאַר אַנדערע צוועקן.

די ווערטער זיינען געזאָגט געוואָרן מיט פֿינטעלעך, און זיי האָבן מיטאַמאָל געעפֿנט די אויגן אויף „אַנשטאַלטן", וואָס געפֿינען זיך קימאַט אין אַלע ציוניסטישע קאָלאָניעס אין פּאַלעסטינע:

פֿעסטונגען.

דער אָרטיקער איינוווינער האָט אַפּאָנעם געוואָלט באַווייזן דעם „טוריסט פֿון אַמעריקע", ווי ווייט „מיר" זיינען באַפֿעסטיקט און באַוואָפֿנט, און ער האָט ווייטער דערציילט:

— אַלע אייַנוווינער פון דער קאָלאָניע קאָנען אריין אין דער געביידע. צו די פענצטער איז שווער צוצוקומען פון דרויסן, ווייל זיי זיינען זייער הייך. פון אינעווייניק איז אָבער זייער לייכט דורך זיי עפּעס צו טאָן. דאָסזעלביקע אָפן דאך. דאָרט קאָנען זיך געפינען אסאך מענטשן, און מע זאָל זיי ניט זען. און דורך די לעכער קאָן מען עפּעס אופטאָן. אָבער אזוי איז דאָס א שול. די קאָלאָניעס, וואָס פארמאָגן ניט אזעלכע שולן, האָבן וואסער־טורעמס, וואָס זיינען ספּעציעל געבויט פאר דיזעלביקע צוועקן.

פון דער דערקלערונג איז קאלט געוואָרן, כאָטש דער פאלעסטינער הימל האָט געשמאליעט אָן ראכמאָנעס. איר האָט דערזען פאר זיך דעם מילכאָמע־צו־שטאנד, אין וועלכן די קאָלאָניעס אין פאלעסטינע געפינען זיך. און עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס די ייִדיש־באלעבאטישע פרעסע, אין גאנץ אויסלאנד פארשווייגט דידאָזיקע געביידעס, ווי לויט א באשטימטן אָפמאך. אויך די ציוניסטישע באריכטן, וועלכע לאָזן געוויינלעך ניט אויס דעם מינדסטן אופטו, גייען פארביי שטומערהייט די אלע פעסטונגען, וואָס זיינען אויסגעבויט געוואָרן זינט 1929 מייסטנס אף די געלטער, וואָס מע האָט געזאמלט „פאר די נויטבאדערפטיקע".

נאָכ דעם באזוך אין מאגדיל איז דאָס אויג שוין געיִבט געוואָרן אף באמערק אומעטום די געביידעס, וואָס דינען „אויכ" פאר „אנדערע צוועקן", העט „ווייט" אין איימעק, אין די קווּצעס „איען כאראָד" און „טעל יאָסעף", זיינען די ניי־אויסגעבויטע קינדערהיימען געשטעלט געוואָרן אויך פאר די „אנדערע צוועקן". און אין דער קאָלאָניע באלפוריע, אויך אין איימעק, האָט א שוועב געטאָן פאר די אויגן א „שול". און אין כייפע דינען פאר „אנדערע צוועקן" צוויי גרויסע הייזער, וואָס זיינען אויסגעבויט געוואָרן באם ברעג פון אראבישן קווארטאל, און אין טעלאָוויוו איז עס א שיס־גאלעריי. און וואָס מער איר האָט גערעדט מיט מענטשן, אלץ אָפטער האָט איר געהערט רייד וועגן געווער. און אין דער קאָלאָניע קאָרקור, ווו עס געפינט זיך א שטענדיקע ענגלישע מיליטער־וואך, האָט דער שאָפער, אן ענגלישער באָכערל, וואָס איז נאָענט צו דער וואך, געשמייכלט, ווען איך האָב אים געפרעגט, צי אין דעם אָרטיקן ארסענאל איז דאָ גענוג ביקסן. דער שמייכל האָט געזאָלט בארויִקן: ס'איז פאראן גענוג, און קינדער אין די וויגן וועלן אייך דערציילן וועגן דער האגאנא — די מיליטערישע אָפטיילונג פון דעם ציוניסטישן יישעוו, וועלכע פארמאָגט העכער צען טויזנט מיטגלידער (אקטיוו און רעזערוו צוזאמען). עס איז ניטאָ זיך וואָס צו באהאלטן און מע קאָן גאָרניט באהאלטן: די מילכאָמע איז אן אָפענע.

אין טעלאָוויוו ברענט א מילכאָמע פאר „ייִדישער ארבעט". אזא מין „סוווי דאָ סוועגאָ" (אן אייגענער צו אייגענע) איז ניט גלייך געזען געוואָרן אין פוילן, אין די ערגסטע צייטן פון דער באָיקאָט־ארבעט פון „ראָזוווי". היינט קערט זיך א וועלט מיט „ייִדישע אייז" — ברעכט מען די גלעזער בא די הענדלער פון „גאזאָז" (און „גאזאָז"־הענדלער פעלן ניט אין טעלאָוויוו). מאכט ניט אויס, וואָס די פאנאנדערפירער פונעם אייז זיינען ייִדישע ארבעטער—עס איז „אראבישע אייז", געמאכט אין פאבריקן, ווו עס זיינען באשעפטיקט אראבישע ארבעטער. מאָרגן טומלט זיך מיט „ייִדישע שיך"—רייסט מען ארויס בא אן אָרעמער פרוי א פאָר שיך, וואָס

זי האָט געקויפט בא דער טשעכאָסלאָוואקישער פירמע „באטא“, און מע פארברענט זיי, די שיך, אינמיטן גאס. אָדער גאָר א געשיכטע מיט „אראבישע ציגן“, וועלכע גיבן „קראַנקע מילך“. יעדער טאָג ברענגט עפּעס אנדערש. אלע מאָל אן אנדער קנייטל, און אָט פלאקערט א באָיקאָט און א קעגן־באָיקאָט.

אפן לאנד גייט ניט פארביי א וואָך אָן אן אָנפאל. אויך דאָס פארשווייגט די ייִדיש־באלעבאטישע פרעסע אין אויסלאנד, מיט דער „איטא“ בעראָש. אין יאָר 1931 זיינען ארום די ציִעניסטישע קאָלאָניעס פאָרגעקומען הונדערט זעכצן (116) קאָנפליקטן צוליב דעם, וואָס אראבישע פויערים ווערן אראָפּגעטריבן פון זייער באָדן. עס האָט זיך דורכגעריסן דורכן רויך־פאָרויכעס דער קאָנפליקט אין וואדי־כא־וואריט, ווו די אראָפּגעטריבענע פעלאכן, וואָס זיינען געוואָרן באָדנלאָז, האָבן פאר־כאפּט צוריק שטיקער פון זייער אייגענעם באָדן. די אדמיניסטראציע האָט איצט, סאָף מיי, ארויסגעגעבן איר אנטשיידונג וועגן דעם קאָנפליקט אין קוסקוס, ווו די אראָפּ־געטריבענע פעלאכן האָבן זיך געלייגט פאר די אקערס און ניט געלאָזט אקערן. אויך דאָ האָט מען די אראבישע פויערים געמוזט אָפּגעבן שטיקער לאנד, ווי דאָס הייסט — צייטווייליק. וויל צופיל פולווער האָט זיך אָנגעקליבן.

און אין ירושלים איז די לופט געדיכט פון ראסן־האס. דריי רעליגיעס ארבעטן דאָ מייסים. די שטאָט איז פול מיט קלויסטערס און קאָנ־ווענטן, מאָסקן, מעטשעטן און מינארעטן, שולן און ישיוועס (ווי גאנץ פאלעסטינע). עס שוויבלט און גריבלט מיט גאלאָכים (איטאליעניש־פראנצויזיש־קאטוילישע, רוסישע גריכיש־אָרטאָדאָקסישע, ענגלישע פראָטעסטאנטישע, קאָפּטישע, סירישע, ארמענישע, און נאָך און נאָך), מיט מוסולמענישע „גייסטלעכע“ פון אלע מינים, און מיט ראבאָ־נים, רעוולעך, ישיווע־באָכערים, כלוקע־ייִדן. יעזוס־מאריע, אלא און מאכמעד, יע־האָווא און זיין פאָלק יִסראָעל. די לופט איז געדיכט. און דאָ איז דער שטאב פון דער ארמיי, וואָס פירט די מילכאָמע פאר „ייִדישער ערד“ און „ייִדישער ארבעט“, עס איז גענוג איין פונק, אז אן אופּרייס זאָל קומען.

אזא אופּרייס איז שיר ניט געווען מיט א שטיקל צייט צוריק. אן אמעריקאנישער טוריסט איז געפונען געוואָרן א טויטער אין א פאָרשטאָט אין ירושלים. אז דאָס איז געווען א זעלבסטמאָרד, איז קלאָר געוואָרן באלד פון אָנהייב, און איז געניי דערוויזן געוואָרן. אָבער די ציִעניסטישע פרעסע, וועלכע פירט קעסיידער אן אָנגריף (מע דארף דאָך „איינעמען“), האָט אָנגעהויבן היסטעריש צו שרייען, אז דאָס איז געווען א מאָרד מיצאד אראבער. אָבער באם שרייען איז מען ניט געבליבן. אפּ־מאָרגן, נאָך דעם, ווי מע האָט דעם אמעריקאניש־ייִדישן טוריסט געפונען, האָט מען אפן זעלביקן אָרט געפונען אן אראבישן ארבעטער, א שאָ־פער, מיט אן איבערגעשניטענעם האלדז (בא זיך אין טאקסי). דער ווילדער אקט פון נעקאָמע דורך דערמאָרדן אן אומשולדיקן ארבעטער איז געווען די ארבעט פון דער „האגאנא“! און דער אקט עפנט פאר אונדז אן אנדער קאפּיטל אין דער מילכאָמע, וואָס בושעוועט איצט אין פאלעסטינע.

נאָך אין קאִירא, עגיפּטן, האָט זיך אן עלטערע ייִדישע פרוי געקלאָגט דערויף, וואָס מע באגייט אזעלכע מאָרדן אף אומשולדיקע מענטשן. זי איז געווען אף א באַ־זוך אין פאלעסטינע און זי האָט זיך דערוווסט, אז דער מינעג איז — ניט צו געפינען

די מערדער („און מיט זיי אָפּרעכענען זיך, אויב שוין יע אָפּרעכענען זיך"), נאָר צו אָפּרעכענען זיך מיט וועמען עס איז, אבי אן אראבער אָדער אן אראבערקע, אן ארבעטער. אין טעלאָוויוו האָט מיר דערציילט וועגן אזא מין ווענדעטע־געשיכטע, וואָס האָט דאָרט פּאסירט, און ווו דער קאָרבן איז געווען אן אָרעמער אראבער (דער רייכער, דער עפענדי, לײַדט דאָך נ י ט אין אזעלכע פאלן). דער אקט אין יערושאָלײַם איז אן איליוסטראציע פון די מעטאָדן פון דער מ י ל כ אָ מ ע, וואָס קומט פאָר אין פּאלעסטינע.

די וועגן זײַנען נ י ט זיכער. מע גייט נ י ט באנאכט, מע פאָרט ניט באנאכט, (סײַדן מיט דער באן). מע זיצט פארשפּארט אין שטאָט, אין שטעטל, אין דאָרף, אין קאָלאָניע. מע ציילט די ביקסן, די פּ ו ל ע מ י אָ ט ן. איין צאד, דער אנדערער. מע פלאנעוועט ראסן־נעקאָמע — איין צאד, דער אנדערער. ציוניסטן שרײַען וועגן „יידישער ארבעט"; אראבישע נאציאָנאליסטן רופן צו באָיקאָט, פארגרעסערן אפּ פיל מאָל יעדן אקט פון ציוניסטישן אָנגריף. דער גאנצער אומרו האָט אונטער זיך דעם פונדאמענט „אימפּעריאליסטישע הערשאפט", וואָס די „נאציאָנאלע יידישע היים" איז איינער פון זײַנע ווינקלשטיינער. אָבער די לעצטע צײַט איז צוגעקומען נאָך ברענשטאָף אין לאנד.

א י ן פּ א ל ע ס ט י נ ע א י ז א ה ו נ ג ע ר. דער דאָרף הונגערט. הײַנטיקס יאָר איז געווען א ט ר י ק ע נ י ש. און מיט א יאָר צוריק איז געווען פעלד־מײַז, און מיט צוויי יאָר צוריק איז געווען — היישעריקן. די קאָלאָניעס, ווי דער גאנצער ציוניסטישער יישעוו, לעבן פון דרויסן: דער „גאָלעס" האלט אלצדינג אויס. אָבער דער אראבישער דאָרף גייט אויס פון הונגער. ערד איז דאָ ווייניק, און די ע ר ג ס ט ע, און שטײַערן מוז מען צאָלן דער ענגלישער מאכט מוירעדיקע, און דער פּאָרעץ רײַסט, און דער פּראָצענטניק זויגט אויס דאָס בלוט (דער אראבישער פּויער איז פארבאָרגט אין כויוועס). קאָן מען ניט לעבן. דאָס איז — אין געוויינלעכע צײַטן. אָבער איצט איז א טריקעניש — נאָך צוויי יאָר פון אנדערע פּלאָגן. דער זעלטענער ארטיקל אין פּאלעסטינע — ו א ס ע ר! — איז הײַנטיקס יאָר נאָך זעלטענער. זײַנען די טוועס ניט אופגעגאנגען — ניט אין די דערפער און ניט אין די קאָלאָניעס. גייט דער דאָרף אויס פון הונגער.

טראָגט זיך דער הונגער פון דאָרף צו דאָרף, פון דאָרף אין שטאָט. קומען פאָר אף דעם באָדן גנייוועס, באנדיטן־אָנפאלן. דאָס זײַנען אקטן פון פארצווייפלונג. קומען פּויערים צוריק צו זייער באָדן, וואָס דער פּאָרעץ (עפענדי) האָט פארקויפט די ציוניסטן, און עס שאפן זיך קאָנפליקטן און די קאָנפליקטן מ ע ר ן זיך. די לעצטע צוזאמענשטויסן אין קפאר־יעכעזקל און קפאר־כאסידים (אין איימעק), מיט מענטשלעכע קאָרבאָנעס, האָבן בא דער העברייִשער פּרעסע ארויסגערופן א געשריי וועגן פארשטארקן די באוואָפנטע וואך („דבר" פון 20־טן מײַ). אָבער ניט די באַיאָנעטן און ניט די מיטלען פון דער „האגאנא" וועלן דאָ וואָס העלפן, ווײַל — דער דאָרף גייט אויס פון הונגער! און שוין נאָך די געשרייען פון דער העברייִשער פּרעסע איז די קאָלאָניע בעט־אלפא (אין איימעק, בא דער גרענעץ פון אראבישע געביטן) געווען געצוווּנגען אָפּגעבן אן אראבישן דאָרף א טייל דערפון, וואָס זי האָט אראָפּגענומען פון די פעלדער.

צו דער טריקעניש קומט נאָך עפּעס: אַרבעטלאָזיקייט. אין דאָרף ווערט די אַרמיי אַרבעטלאָזע צונויפגעשטעלט פון לאַנד־אַרבעטער און לאַנדלאָזע פּויערים. די צאָל אַרבעטלאָזע אַגריקולטור־אַרבעטער איז אויך גרויס אין די ציוניסטישע קאָלאָניעס (ניט געקוקט אויף דער לעכערלעכער פּראָפּאַגאַנדע וועגן „פּראָספּעריטי" אין פּאַלעסטינע). און אַזוי איז גרויס די צאָל אַרבעטלאָזע אין שטאָט, סיי צווישן אַראַבער און סיי צווישן ייִדן.

פאַרשטייט זיך, אַז קיין הילף פאַר די אַרבעטלאָזע איז ניטאָ.

צו דער טריקעניש און צו דער אַרבעטלאָזיקייט קומט צו דער שטייער־אומרו, וואָס טראָגט זיך איבערן אַגריקולטור־לאַנד פּאַלעסטינע. דער פּויער קאָן די שטייערן ניט אַריבערטראָגן, און דאָ האָט זיך די ענגלישע אַדמיניסטראַציע, אין א יאָר פון טריקעניש, א נעם געטאָן אײַנמאָנען שטייער־כויוועס פון די פריערדיקע יאָרן. גאַנצע דערפער האָט מען שוין אויסגעקויפט צוליב די כויוועס.

גאָרניט אומזיסט באַוואָפנט מען זיך. דער בעסמעדרעש אין מאַגדיל איז ניט אומזיסט אַזוי מעשונעדיק געבויט. און ניט אומזיסט האָט זיך „איען־כאַראָד" אַרויס־געקליבן פון שוואַנדיקן טאָל—ווו עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע זעלטנהייטן, ווי ביימער און א קוואַל!—אויפן נאַקעטן באַרג אַנטקעגן.

אין דער ענגלישער קאָלאָניע פּאַלעסטינע שמעקט מיט פּולווער. ניט דער פּורים־קאַרנאַוואַל אין טעלאָוויוו און ניט דער לאַגבוימער־טאַנץ בײַ שימען בען יויכאָיעס קייווער אין צפאַס קאָן פאַרבאָרגן די עמעסע פאַקטן.

2

טריקעניש

ערגעץ עקזיסטירט מינאסטאם אזא זאך, ווי הויכע זאנגען, וואָס באוועגן זיך אף די פעלדער אין מעכטיקע כוואליעס. אין פאלעסטינע איז ניטאָ אזא זאך. די זאנגען זײַנען נידעריק ביז צו דער ערד, און שוין—מע מוז שוין שנײַדן. אָדער—מע לאָזט ארוף די פי אפ די פעלדער, ווײַל שנײַדן לוינט זיך ניט.

די לאגע פון דער פאלעסטינישער אגריקולטור איז בעעמעס א טראגישע. הײַנטיקס יאָר איז ניט געווען קיין וואסער—אָבער ווען איז יע פאראן וואסער? אן אײַנוווינער פון יערושאָלײַים האָט מיר געזאָגט: „פון די פיר און זעכציק יאָר, וואָס איך ווין דאָ, האָט מען דרײַ און זעכציק יאָר געבעטן אף רעגן". ער האָט ניט געזאָגט, צי מען האָט עפעס אויסגעבעטן, אָבער דאָס קאָן מען זיך לײַכט אָנשטויסן. די איצטיקע אומגערעטעניש אין פאלעסטינע איז ניט קיין צופאל, א נאטור־אומגליק, וואָס מאכט זיך אומעטום, נאָר א כראָנישע זאך. און דער מאנגל אין וואסער איז ניט די איינציקע סיבע פאר די אומגערעטענישן אין לאנד.

אָט שרײַבט א קאָלאָניסט פון אייבער־גאָליל אין טעלאָוויווער „דבר":

> „אף די פעלדער איז אלץ ווי געווען... מיטן אונטערשייד, וואָס, אפן אָרט פון היישעריק פון 1930, האָבן זיך איצט פארמערט די מײַז אף אונדזערע פעלדער. יעדער יאָר האָט זיך זײַנע אָנשיקענישן... אלע מאזיקים פון דער נאטור זײַנען ווי באשאפן געוואָרן אף צו שעדיקן דעם קאָלאָניסט, און צו דעם אלעם—די אָרעמע ערד, א באליידיקטע פון הונדערטער יאָרן, און די פרימיטיווע ארבעט—א יערושע פון די פריערדיקע באלעבאטים" (ציטירט פון „המצב הכלכלי בארץ ישראל לראשית 1932", וואָס איז בארוואָט דערשינען אין פארלאג „דבר").

דאָ האָט זיך דער ציוניסטישער קאָלאָניסט, אגעוו, ארויסגערעדט, אז די ערד האָט געהאט באלעבאטים, איידער ער איז דאָ באזעצט געוואָרן, אָבער דאָס איז אן אנדער קאפיטל. דעריקער איז—יעדער יאָר מיט זײַנע אָנשיקענישן. איצט איז א סעדרע טריקעניש. און די ערד איז אן אָרעמע, א באליידיקטע.

די ווינטער־רעגנס אין פאלעסטינע האָבן הײַנטיקס יאָר געגעבן זייער ווייניק וואסער. אין געוויסע געגנטן פון לאנד איז דער וואסער־רעקאָרד דער נידעריקסטער, זינט מע האָט אָנגעהויבן אזעלכע רעקאָרדס האלטן. אין יערושאָלײַימער דיסטריקט איז דער מאנגל צום ערגסטן: דאָ איז דער רעגן־פאל געווען אף העכער פיר און זעכציק פונקטן נידעריקער, ווי נאָרמאל. אין טעלאָוויווער דיסטריקט—העכער דרײַ און דרײַסיק פונקטן נידעריקער. אין די וויכטיקסטע אגרי־קולטור־געגנטן—אין אקר־

טאָל און ארום כּייפע איז דער רעגן־פאַל געווען פון צוואַנציק ביז פיר און דרײַסיק פּונקטן נידעריקער ווי געוויינלעך. דער רעזולטאט פון דעם אַלעם איז געווען, אַז די טווּע איז אָדער אופגעגאַנגען זייער אָרעם, אָדער איז אינגאַנצן ניט אופגעגאַנגען. אין געווּיסע געגנטן האָט דער היישעריק פארענדיקט, וואָס די טריקעניש האָט איבערגעלאָזט.

דער אָפיציעלער באַריכט רעדט וועגן א „גערעטעניש" פון דרײַסיק (30) פּראָצענט פון נאָרמאַל. אין כּייפער דיסטריקט איז טיילווײַז דער פּראָצענט העכער — פערציק פּראָצענט — אָבער אין געוויסע ערטער זײַנען די טווּעס אינגאַנצן פארניכטעט געוואָרן. אינגאַנצן זײַנען פארניכטעט געוואָרן די טווּעס ארום צפאַס און אין ביסאַן. אף די פעלדער און בערג איז דאָ זייער ווייניק פּאַשע פאַר די פי, און פלייש איז דעריבער געוואָרן ביליק: דער פּויער פארקויפט זײַן פי פאַר די נידעריקסטע פּרײַזן, ווײַל ער האָט ניט קיין שפּײַז.

דאָס זײַנען וואָכעדיקע פאקטן, וואָס די ציוניסטישע פּרעסע באַהאַלט געווײנלעך — ווי ווײַט עס לאָזט זיך. אַזעלכע פאקטן באַווײַזן, ווי זינלאָז און העפקערדיק עס זײַנען די רייד וועגן „פּראָספּעריטי" אין פּאַלעסטינע־פּראָפּאַגאַנדע, וואָס מע פארענדיקט געוויינלעך מיט דער פאָדערונג פאַר א „פינפטע אליה" (אימיגראציע) וויאַזוי אין אן אַגריקולטור־לאַנד קאָן זײַן „פּראָספּעריטי" בײַס די אַגריקולטור־פּראָדוקציע געפינט זיך אין א טראַגישער לאַגע, איז בעעמעס א נעס... דער דערמאָנטער „דבר" האָט געבראַכט א בריוול פון א קאָלאָניסט אין קפר־יחזקאל — איינע פון די סאַמע „באַפעסטיקטע" ציוניסטישע קאָלאָניעס, אף וועלכער „מע" זאָגט, אַז זי האַלט זיך שוין אליין אויס. דער קאָלאָניסט שרײַבט:

„צום סאָף פון יאָר תרצ״ב זײַנען די מיטגלידער געבליבן אָן קאַרמע און אָן זריעה. דער שיער איז אַרומגעגריזשעט פון די מײַז. דער ווײַנגאָרטן האָט אנטוישט, די שטאַל־פּראָדוקציע איז געפאַלן אין פּרײַז, אויפעס זײַנען ביליק, און דער פּרײַז אף אייער איז א נידעריקער. קאַרמע מוז מען אײַנקויפן אין עגיפּטן, אין אנדערע ערטער פון לאַנד".

דאָס בריוול פארענדיקט זיך מיטן פּאָסעק: און קיין געלט איז ניטאָ (ציטירט פון „המצב הכללי" א. אז. וו., זײַט 19). אָט דאָס איז געווען די לאַגע אין דער סאַמע מוסטערהאַפטער ציוניסטישער קאָלאָניע אין איימעק, פאַר דער טריקעניש. קאָן מען זיך שוין דערפון מאַכן א באַגריף, וואָס עס טוט זיך אין אראַבישן דאָרף. וועלכער קריגט ניט קיין זאַך אומזיסט, און האָט ניט קיין מאַשינעס, און קריגט ניט קיין אגראָנאָמישע הילף, און באַאַרבעט די פעלדער טאַקע מיט פּרימיטיווע מיטלען.

דערווײַל טומלט מען זיך נאָך אין דאָרף, אין קאָלאָניע. מע נעמט אראָפּ, וואָס מע קאָן אראָפּנעמען. דער פעלאַך (פּויער) דרעשט אף א פּרימיטיוון שטייגער, מיט ווײַב און קינדער, מיט דער הילף פון א געליענעם פערד, און פון די מאָגערע קערנדלעך, וואָס זײַנען בעעמעס באַוואַשן געוואָרן מיט שווייס און מיט טרערן, גייט א היפּש ביסל פארלאָרן. אין קאָלאָניע איז די לאַגע עטוואָס בעסער. דעריקער איז — די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וועט מוזן אונטערטראָגן הילף, ווי זי האָט עס געטאָן, זינט די קאָלאָניעס זײַנען געגרינדעט געוואָרן, און ווי זי וועט עס ווײַטער מוזן טאָן. דער אראַבישער דאָרף וועט אָבער גאָר אינגיכן געשטעלט ווערן פאַר בוכשטעבלעכן

הונגער. טיילווײַז האָט זיך דער הונגער שוין אָנגעהויבן. און טיילווײַז האָבן זיך שוין די רעזולטאטן געלאָזט פילן: דאָס באַווײַזט דער רעקאָרד פון פאַרברעכנס, וואָס הייבט זיך קעסיידער. פאַר צענדליקער טויזנטער פעלאַכן און זייערע פאַמיליעס וועט זיך עס האַנדלען פראָסט־פּאָשעט וועגן פיזישן אונטערגאַנג. וואָס דאָס קאָן באַטײַטן פאַר פאַלעסטינע, איז ניט שווער פאָרויסצוזען. אין אַזעלכע פאַלן ווערט נאָך שאַרפער אַרויסגערוקט די ערד־פראַגע אין לאַנד. און דאָס איז אַ צו אָנגעווייטיקטע פראַגע.

דער „ישוב“ לעבט איצט איבער אַ „בום“ (רעקלאַמע־פּויקערײַ) פון פאַרדייסעם, אַפּעלסין־סעדער. וועגן דעם עמעסן כאַראַקטער פון דעם „בום“ דאַרף גערעדט ווערן באַזונדער. אָבער גאָר אַ פאַרהעלטנישמעסיק אומבאַדײַטנדיקער שטעטל פון לאַנד טויג פאַר דער אינטענסיווער אַפּעלסין־קולטור. דער גאַנצער נעגעוו אױף דאָרעם,— צוויי דריטל פון שטעטל פון לאַנד,— און דער גאַנצער צאָפן,— דער רוקנביין פון דער פאַלעסטינישער אַגריקולטור,— זײַנען ניט צוגעפּאַסט פאַר אַפּעלסין־סעדערײַ. דער באַזיס פון דער גאַנצער פאַלעסטינישער אַגרי־קולטור פאַרבלײַבט די געוויינלעכע דאָרף־פּראָדוקציע. אָבער ווײַל דער באָדן איז אַן אָרעמער און די מיטלען פון אַרבעט זײַנען פּרימיטיווע, איז נייטיק פאַרן פּויער אַ שטעטל פון 130 ביז 250 דונאַם[1] לאַנד (עס ווענדט זיך אָן דער געגנט). דאָס איז דער מינימום. אָבער איצטער איז דער דורכשניט פון דעם פּויערס נאַכלע—47 דונאַם. ווען די אַגריקולטור־קאָמיסיע פון דער ענגלישער רעגירונג האָט צוגעשטעלט איר באַריכט וועגן דער לאַגע פון דער פאַלעסטינישער דאָרף־באַפעלקערונג (דער קראָסבי־באַריכט), איז דער דורכשניט פון דער פּויערישער נאַכלע געווען 57 דונאַם. אָט אױף די ציפערן פון דעם באַריכט האָט עס סימפּטאָן צונויפגעשטעלט זײַנע רעקאָמענדאַציעס, וואָס זײַנען אַרײַנגענומען געוואָרן אין דעם באַרימטן „ווײַסן פּאַפּיר“ פון לאָרד פּאַספילד. דער קראָסבי־באַריכט האָט באַוויזן, אַז די לאַנד־באַפעלקערונג איז אין די זיבן יאָר צווישן 1922 און 1929 אויסגעוואַקסן אױף 92 טויזנט, ניט רעכענענדיק די בעדווינער, אָבער זינט 1929 איז שוין געווען אַ ווײַטערדיקער וווּקס אױף צום ווינציקסטן פופציק טויזנט, מיט די בעדווינער, און זינט דעמלט האָבן די ציוניסטן אָפּגעקויפט פרישע שטיקער ערד פון די פריצים און אַראָפּגעטריבן נאָך אַראַבישע פּייערים.

אין פאַלעסטינע גופא וועלן זיך ציוניסטן ניט דערוועגן צו זאָגן, אַז מע טרײַבט אַראָפּ אַראַבישע פּויערים פון זייער באָדן. דאָס לאַנד איז צו קליין, אַז מע זאָל קענען ווען עס איז אָפּנאַרן וועגן זאַכן, וואָס קומען פאָר אונטער דער נאָז. אין טעלאָוויוו וועט איר טרעפן צופיל געוועזענע, אַנטוישטע, כאַלוצים, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט פון אַראָפּטרײַבן אַראַבישע פּויערים. און דער קאָלאָניסט אַפן לאַנד ווייס צו גוט, ווער עס איז פריער געזעסן אױף זײַן באָדן. נאָך איצט לאָזן אים די פריערדיקע פּויערים ניט צורו.

ניט ווײַט פון דער קאָלאָניע ניגענאַר, אין איימעק, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אױף כורוועס פון אַ געוועזענעם אַראַבישן דאָרף. די, וואָס זײַנען

---

[1] אַ דונאַם איז אַרום אַ צענטל פון אַ העקטאַר (ווייניקער פון אַ פערטל פון אַן אַקער).

דאָ געגאַנגען אָף „קיבעש האָאָרעץ“ (אײַנעמען דעם באָדן), האָבן ניט באַוויזן אראָפּצורײַסן אַלע הײַזער פון די געוועזענע אַראַבישע דערפער, ווי דאָס איז געטאָן געוואָרן ניט לאַנג צוריק אין וואַדי־האַוואַריט. דאָרט האָט מען ניט נאָר די אָרעמע הײַזער אראָפּגעריסן. נאָר אפילע דאָס ביסל שפּײַז, וואָס איז נאָך געשטאַנען אָף די פעלדער, האָט מען אויסגעמישט און איבערגעקערט מיטן אַקער. עס איז דאָ אַ כאַזאָקע נאָך פון דער טערקישער צײַט, אַז ווער עס פאַראַקערט דעם באָדן, דער קריגט אַ רעכט אָף אים, האָט מען ארויסגעשיקט באַנאַכט די פאַרפירטע כאַלוצים, וואָס מע פאַרנאַרט אין דעם אָרעמטן לאַנד, און יענע האָבן אונטער אַן ענגלישער וואַך צעריבן דעם באָדן — ניט געאַקערט, נאָר פּאָשעט צעריבן, אַבי קריגן „רעכט“. און אַז דער מאָרגן איז געקומען, און די פויערים און פויערטעס האָבן דערזען, וואָס דאָ איז אָפּגעטאָן געוואָרן, האָט מען געשריִען, געשלאָגן זיך. די פרויען און קינדער האָבן געוויינט. אָבער עס האָט גאָרניט געהאָלפן — ביז די אַראַבישע פויערים זײַנען צוריקגעקומען אין גרעסערע מאַסנעס און האָבן „פאַרכאַפּט“ זייער אייגענעם באָדן צוריק. די ציִעניסטישע אַדמיניסטראַציע איז גרייט געווען ווײַטער צו כאַנוצן געוואַלט אָף באַזײַטיקן די פויערים, אָבער דאָ האָט זיך שוין די מאַכט געשטעלט קעגן, ניט ווײַל זי וואָלט ניט געוואָלט העלפן גיין אָף „קיבעש האָאָרעץ“ — די ציִעניסטישע פּאָליטיק שפּילט די אימפּעריאַליסטן אין די הענט אַרײַן. אָבער די סטרונע איז שוין געווען צו שטאַרק אָנגעצויגן און אין לאַנד איז אומרויִק, אַ טריקעניש, אַ הונגער. איז מען געגאַנגען מיט די פויערים אָף אַ פּשאָרע: מע וועט זיי דערווײַלע לאָזן זיצן אָף זייער באָדן און נעמען פון זיי אַרענדע...

אָבער אין איימעק האָבן די ציִאָניסטן באַגאַנגען די אומפּאָרזיכטיקײַט און געלאָזן די כורוועס פון די געוועזענע אַראַבישע דערפער שטיין. זײַנען די כורוועס — מאָנומענטן! מאָנומענטן אָף אַ שרעקלעכער אויסראָטונג־אַרבעט, וואָס ווערט אָפּגעטאָן אין נאָמען פון אַ כימערע, וואָס רופט זיך „יידישע היים“ — אין אַ פּיצל אָרעם לאַנד און מיט דער הילף פון גרויסע מאַסן פאַרפירטע קליינבירגער און אויך אַרבעטער אין אַמעריקע, פּוילן און אַנדערע לענדער, וואָס גיבן זייער געלט פאַר דער „טעטיקײַט“.

אָבער די „טעטיקײַט“ איז ניט די איינציקע פּלאָג פון לאַנד. די הייסעריקן שווײַגן אויך ניט. און די מײַז. און די פּאַלעסטינער זון, וועלכע קאָן עפּשער געפינען אַן אָרט אין העברייִשע לידער, טוט בריִען אָן אויפהער. דער פּאַלעסטינער הימל, וועלכער ווערט אויך באַזונגען אין די נעמלעכע לידער, איז פאַרשלאָסן, פּרוכטלאָזאַכט כאָדאָשים אין יאָר איז קיינמאָל קיין רעגן ניטאָ. דאָס איז „נאָרמאַל“. אָבער אויך אין די ווינטער־כאָדאָשים טיילט ער אָפּט די טראָפּנס, ווי אַן אַפּטייקער. איז ניטאָ קיין וואַסער. זײַנ[ען] פעלדער פאַרשמאַכט. איז ניטאָ קיין גראָז. זײַנען די בערג נאַקעטע. בושעוועט דער זאַמד, קריכט דער שטויב אין די געדערים, זײַנען די ביימלעך, וואָס זײַנען פאַרפּלאַנצט געוואָרן אָף די גאַסן אין טעלאָוויוו, אָזש גרוי פון שטויב.

אין דער „שטאָט“ אַפילע, ווו דער „אַמעריקן זײַאָניסט קאָמאַנוועלט“ האָט אַרײַנגעבראָכט אַ מאַיאָנטעק און פון וואַנעט פופציק פאַמיליעס זײַנען איצט

אנטלאָפן (געווען איז צוויי הונדערט), האָט איינער פון די קרעמער געוואָלט זיין אָפּטימיסטיש און האָט דערקלערט:

— מע גראָבט א ברונעם. אויב עס וועט זיך ארויסווייזן וואסער, וועט עפשער ווערן בעסער.

גראָבן א ברונעם איז א געשעעניש. דאָס קאָסט פון טויזנט ביז צוויי טויזנט פונט, און ניט אַלע מאָל איז מען מאצליעך מיטן טייערן ארטיקל—וואסער. און מיטן פעלד האָט עס איצט ווייניק צו טאָן: די גערעטעניש אין פעלד איז אויסגע־רעכנט אף א מינימאלער מאָס רעגן אין דעם רעגן־סעזאָן. און דער דאָרף, וועלכער טרינקט זיך אין... כויוועס, קאָן זיך ביכלאל אזא לוקסוס, ווי גראָבן א ברונעם, ניט דערלויבן (און די מאכט פארנוצט די שטייערן אף מיליטער, פּאָליציי און טורמעס).

איז א טריקעניש. טראָגט זיך שוין אין דאָרף ארום דער הונגער.

אין טעלאָוויוו וועט מינאסטאם זיין וואָס צו עסן. און מע וועט ניט אופהערן שרייען: פּראָספּעריטי, טעלאָוויוו לעבט ביכלאל ניט פון דער עקאָנאָמיק פון לאנד. דער „גאָלעס” שטעלט צו די פּראָספּעריטי—פאר די באאמטע, צייטונג־קאָרעספּאָנ־דענטן און פּארדעס־ספּעקוליאנטן. טייוווי איז דער אימפּאָרט זעקס מאָל אזוי גרויס ווי דער עקספּאָרט—וועט מען ארייַנפירן נאָך פּראָדוקטן. אָבער אין דאָרף, אין דעם אגריקולטור־לאנד פּאלעסטינע, איז א טריקעניש. און טריקעניש שטעלט ערנסט אוועק די געפאר פון א פייער—אלציינס, צי די, וואָס פּראווען די סודע אין טעלאָוויוו, נעמען עס אין אכט אָדער ניט.

3

די מילכאָמע פאַר די טאָלן

מיר הערן אָפט, ווי מע שלאָגט זיך אין פּאַלעסטינע פאַר אַ „וואַדי". די לעצטע צײַטן גייט ניט אַראָפּ פון דער טאָג־אָרדענונג דער „וואַדי כאַוואַריט". ווי ווייניק מיר ווייסן אָבער, וואָס פאַר אַ באַדײַטונג עס ליגט אין דעם מין „וואַדי".

„וואַדי"—אַ טאָל, אַ פּליין. אין „גאָלעס", נעבעך, איז עס ניט פון די גרויסע זעלטנקײַטן. אַנדערש אָבער אין פּאַלעסטינע.

איר וואָלט, לעמאָשל, קיינמאָל ניט געקאָנט באַגרײַפן, וואָס דער גליק איז אַזוי מיטן טאָל פון שאַראָן. אַ טאָל (אָדער פּליין) איז עס אַזאַ ניט קיין איבעריק פרוכטבאַרער. און די „רויז פון שאַראָן" איז פּונקט אַזאַ אויסגעטראַכטע זאַך, ווי די מילך מיט האָניק (וואָלט כאָטש וואַסער געווען!). פּאַלעסטינע איז ביכלאַל ניט קיין לאַנד פון בלומען. עס איז דאָ ווייניק גראָז, עס איז קימאַט ווי ניטאָ קיין ביימער און עס איז קיין בלומען ניט פאַראַן. און וואָס מע באַאַרבעט ניט אין דעמדאָזיקן פּליין מיט מי און מאַטערניש, מיט שווייס און קינסטלעכער באַוואַסערונג — וואַקסט ניט. און דאָך איז דער טאָל אַ דערקוויקונג אין פאַרגלײַך מיט די וויסטע, זאַמדיקע און באַרגיקע געגנטן!

ווען מיר זײַנען צוגעפאָרן צום יאַרדן—און דאָ האָט אויסגערונען נאָך אַ רעקלאַמע פון כומעש, ווייל אויסגעוואַקסן איז פאַר אונדז אַן אומבאַדײַטנדיק און מוטנע טײַכל — האָט דער וועגווײַזער, אַ קריסטלעכער אַראַבער, אָנגעהויבן ריידן, ווי פון סידער:

און דאָ, לײַדיס ענד דזשענטלמען, איז דער אָרט, ווו די ייִדן זײַנען אַריבער דעם יאַרדן אַף צוועלף שטיינער. ווען זיי זײַנען אָבער געקומען אַף דער זײַט, זײַנען זיי געוואָרן אַנטוישט, און האָבן דעם טאָל אַ נאָמען געגעבן: דער טאָל פון אַנטוישונג.

די „צוועלף שטיינער" האָט דער וועגווײַזער ניט געקאָנט געפינען, אָבער וואָס שײַעך דער אַנטוישונג—האָבן מיר אים דורכויס געגלויבט, ווײַל די רײַזע פון יערושאָלײַם צום יאַרדן איז געווען איינע פון די ערגסטע רײַזעס, וואָס מע קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן. אינגאַנצן האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ שטעק פון צען מײַל (קיין ווײַטע שטרעקעס זײַנען אין פּאַלעסטינע ניט פאַראַן), אָבער געפאָרן זײַנען מיר אַף הייסע געשלענגלטע וועגן, צווישן בערג, וואָס האָבן געברענט, ווי די קאַלך־אויוונס. עס האָט זיך געצויגן אַ שטייניקע, זאַמדיקע וויסטעניש, וואָס האָט ניט געהאַט אין

זיך קיין סימען פון לעבן—כוץ די זייער לעבעדיקע זאמד־שטורעמס. און אז מע איז געקומען ניט ווײַט פון יעריכע, און מע האָט דערזען געוויקסן, האָט זיך ארויסגע־וויזן, אז דאָס זײַנען—ווי דער וועגווײַזער האָט פארטײַטשט—„פּרוכט פון טויטן יאם״ און „עפּל פון סדאָם״. די ערשטע זײַנען געלע ווילדע אבריקאָסן, מיט א מין טויט־לעכער ביטערקייט, און די צווייטע, די „סדאָם־עפּל״, אזעלכע גרינע ציטראָנען, וואָס אינעווייניק פארמאָגן זיי—רויך...

אז מע פאלט ארײַן אין אזא אָרט, ווו אפילע דאָס וואסער פון יארדן מוז זיך לאנג „אָפּשטיין״, ביז מע קאָן עס נוצן (דער וועגווײַזער האָט פארזיכערט, אז אין דעם אָרט האָט זיך געוואשן יעזוס—און דעריבער געפינט זיך דאָ דער גריכיש־אָר־טאָדאָקסישער קלויסטער, ווײַל אויך די גאלאָכים, מייסטנס רוסיש־פּראוואָסלאווע, קומען זיך אהער וואשן),— איז אז מע פאלט ארײַן אין אזא אָרט, איז קיין וווּנדער ניט, אז מע אנטלויפט זיך.

דעריבער איז אָבער קיין ווונדער ניט, וואָס אז מע פאָרט ארויס פון דעם יארדן־טאָל בא יעריכע און פון דער גאנצער געגנט פון די יעהודע־בערג און מע מײַדט אויס אויך יערושאלײַים, וועלכע מוז נאָך אדײַעם לעבן אפן וואסער, וואָס קלײַבט זיך אָן פון די ווינטער־רעגנס אין „שלוימע־האמעלעכס גריבער״, און מע שנײַדט דורך נאָך א פופצן מײַל, און מע קומט שוין ניט ווײַט פון ברעג פון מיטל־לענדישן יאם,— און מיט די 25 מײַל פארטיקט מען זיך באלד אָפּ מיט דער גאנצער „ברייט״ פון „לאנד״,— קומט מען ארײַן אין דעם טאָל פון שאראָן און מע דערזעט באָדן, ווו עס וואקסט טאקע עפּעס, און ניט קיין סדאָם־עפּל, איז עס ניט נאָר א דערקוויקונג, נאָר שיר ניט א נעס!...

דער „וואדי״, דער טאָל איז א טײַערע זאך אין פאלעסטינע. אין מעשעך פון דעם ווינטער־סעזאָן רינט אראָפּ דאָס רעגן־וואסער פון די בערג אין די טאָלן און פליינען. איז דאָ די ערד פײַכטער, מער־וויניק פרוכטבאר, ערטערווײַז—זייער פרוכטבאר. עס האנדלט זיך דאָ אָבער וועגן קליינע, באגרענעצטע שטעטכן. דער גרעסטער טייל פון לאנד איז באדעקט מיט בערג, וואָס אויב זיי זײַנען אפילע ניט אזוי וויסט, ווי די יעהודע־בערג אף מיזרעך פון יערושאלײַים, זײַנען זיי אָבער קי־מאט אינגאנצן נאקעטע, פארהארטעוועטע און צום מייסטן שטייניקע, אָדער קאלכי־קע. דער פויער פירט א שטענדיקע מילכאָמע מיט די בערג: ער נעמט אָפּ בא זיי וויפל באָדן עס לאָזט זיך. ווו נאָר א שטיקל אָרט צופוסנס פון די בערג, אָדער אף די „טרעפּ״ פון די בערג, וואָס קאָן באארבעט ווערן, ווערט עס באארבעט.

דער פויער אין פאלעסטינע פירט ביכלאל א שטענדיקן קאמף מיטן באָדן. ווען איר פאָרט אין דער זאמדיקער, קימאט דורכויס אראבישער, געגנט פון דאָרעם־פּאל־לעסטינע, זעט איר, ווי ביז די שינעס פון דער באן איז די ערד אָפּט באארבעט, דער פויער האָט גראָד אָנגעטראָפן אף א שטיקל באָרן, וואָס האָט זיך געלאָזט באר־ארבעטן. אף אן אנדער אָרט טרעפט איר א פארלאָזטע „ווינונג״ און דערבײַ א שטיקל ערד, וואָס מע האָט פּרובירט באארבעטן, אָבער וואָס איז שוין קימאט אינ־גאנצן פארשאָטן מיט טרוקענעם זאמד. דאָ האָט דער אָנראכמאָנעסדיקער באָדן גע־זיגט: דעם פויערס פּרווו האָט זיך ניט אײַנגעגעבן.

איז דער טאָל, דער פּליין, דריי מאָל טייער, יעדער ערד־ארבעטער אין דעם לאַנד, ווו ערד איז דאָ אזוי ווייניק (באזונדערס ערד, ווו עס זאָל קאָנען וואקסן שפּייז), טרוימט פון האָבן א שטיקל באָדן אין דעם פּליין. אָבער דער סאָרט באָדן איז באגרעגעצט. די לאַנד־קארטע וועט גלייך ווייזן, אז די פרוכטבארע פּליינען ציען זיך לענגויס פון מיטל־לענדישן יאם, פון וואדי־על־העסא (דייר סענייד) ביז כייפע. אָט דער פּליין, אָדער געגנט פון פּליינען, איז אָפט זייער שמאָל. בא טיפע רוקן זיך די קארמעל־בערג צו נאָענט צום יאם און פון דעם פּליין בלייבט אינגאנצן א פּאָר הונדערט מעטער, ניט מער, ערטערווייז פארמאָגן די פּליינען אויך זאמד־דיונעס. ביכלאל גענומען איז אָבער דער שעטעך פון דעם ברעג ניט נאָר דער פרוכטבארער, נאָר טאקע דער הויפּט־געביט, ווו מע קאָן זיך פארנעמען מיט ערד־ארבעט. דאָ געפינען זיך געגנטן, וואָס טויגן פאר אפּעלסין־סעדער.

א צווייטער געביט אזא איז דער יעזריעל־פּליין (אָדער עזדראעלאָן, אָדער איי־מעק), וואָס רוקט זיך אראָפּ אין לאַנד אריין פון כייפע, ביז די בארג־דורכגאנגען, וואָס פירן אין טראנסיאָרדאניע און צו איראק, און דער אקר (עכו)־פּליין, פון כייפע ביז אומגעפער דעם ברעג פון סיריע. אָט דער געביט פון די צוויי פּליינען איז דער הויפּט־געביט פאר דער שווערער, עקסטענסיווער, לאַנדווירטשאפט (טווויע, קאָרמע און אז. וו).

אָט פון די פּליינען איז שוין דער אראבישער פויער צום מייסטן אראָפּגעטריבן געוואָרן. זאָל זיך פרייען דער, וואָס האלט פון „קיבעש האָאָרעץ" (איינעמען דעם באָדן פון אראבישן פויער). דאָס איז א פאקט.

דער ציִעניסטישער פּראָפּאגאנדע האָט זיך דאָ איינגעגעבן צו פארפירן אויך קעג־נער. דער מעטאָד פון ציִעניזם—ווי איר ווערט דאָ גוט געוואָר—איז צו פארשרייען זיינע מייסים מיט געוויין. ווי האָט א ציִעניסט אין טעלאַוויוו אָפנהערציק געזאָגט מען דארף מאכן גוואלדן!

די ציִעניסטישע פּראָפּאגאנדע מאכט גוואלדן, אז „דאָס יידישע פאָלק" האָט נאָך ניט גענוג ערד אין פּאלעסטינע. אין דעם פאק ליטעראטור, וואָס די ציִעניסטן טיילן אויס דעם באזוכער (און ליטעראטור הייבט מען אייך אָן טיילן באַלד, ווי איר שטעלט אריין א פוס), געפינט זיך א ביכעלע פון נאציאָנאַל־פאָנד (קרן קימת), ווו עס ווערט געקלאָגט, אז פון די 26 מיליאָן דונאם באָדן אין פּאלעסטינע געפינען זיך ניין מיליאָן דונאם אין „אראבישע הענט" און נאָר עלף הונדערט טויזנט דונאם גע־פינען זיך אין „יידישע הענט". דער איינדרוק באקומט זיך, אז די ציִעניסטן האָבן אָפּגענומען „אינגאנצן" א 26־טל פון דעם באָדן, און דאָס איז זייער ווייניק און מע דארף אָנשטרענגען אלע קויכעס אף קריגן נאָך, דער עמעס איז אָבער, אז מיט די עלף הונדערט טויזנט דונאם איז אָפּגענומען געוואָרן פון דעם אָרטיקן פויער דער גרעסטער טייל פון די טאָלן און פּליינען. און קיין סאך פרוכטבארער באָדן איז שוין כמעט דעם ניטאָ. פון געוויסע ערטער, ווי צום ביישפּיל פון דעם רייכסטן און גרעסטן פּליין פאר דער שווערער לאַנדווירטשאפט, פון איימעק, איז דער אראבישער פויער שוין קימאט אינגאנצן באזייטיקט געוואָרן. דער פויער ווערט גע־טריבן אין די בערג, אף די זאמד־דיונעס. און דעריבער—די מילכאָמע פאר די „וואַ־דיס" אין פּאלעסטינע.

די מילכאָמע ווערט געפירט פון צוויי צדאָדים. אף איין זײַט — די ציִעניסטן און די ענגלישע מאכט, און אף דער אנדער זײַט — דער אראבישער פעלאך און דער בעדויִנער. די מילכאָמע ווערט געפירט מיטן קויעך פונעם גאָלד, וואָס די ציִעניסטן גיבן דעם עפענדי (פּאָרעץ), וואָס אף זײַן ערד זיצן פּויערים פון דויר־דוירעס. אויב ציִעניסטן אין אמעריקע אָדער אנדערע לענדער ווילן וויסן, ווו עס קומען אהין די געלטער, וואָס דער נאציִאָנאל־פאָנד זאמלט, זאָלן זיי א קוק טאָן אף די פּרעכטיקע פּאלאצן, וואָס געפינען זיך אין ביירוט, סיריע, די פּאלאצן געהערן דער מיליאָנערן־פאמיליע פון דעם, אָזיקן אָרעמען לאנד — די ס ו ר ס ו ק ס, וועלכע זיצן די מייסטע צײַט פון יאָר אין פּאריזש. אָט די פאמיליע האָט ארײַנגעקראָגן שווערע מיליאָנען פון די ציִעניסטן (פּארן באָדן אין איימעק — 726 טויזנט פונט — העכער דרײַ און א האלב מיליאָן דאָלער). דער גאנצער איימעק איז אָפּגעקויפט געוואָרן פון דער פאמילע, און די פויערים, וואָס זײַנען דאָ געזעסן, — צוויי און צוואנציק דערפער! — זײַנען אפן אומדערבארעמדיקסטן אויפן ארויסגעטריבן געוואָרן (איין פּויער איז דערהארגעט געוואָרן, פיל זײַנען געוואָרן פארווונדעט). דאָ קאָן מען זען דעם ווערט פון די רייד, אז די ציִעניסטישע פאָנדן מאכן רײַכער דאָס לאנד, בייס די געלטער, וואָס די פּריצים קריגן ארײַן, גייט גאָר אוועק קײַן אויסלאנד (און ווען דאָס גייט ניט אוועק קיין אויסלאנד, בלײַבט דאָך עס אויך בא די פּריצים!) אָבער דאָ מוז מען זען די פילגרעסערע קאָלאָניזאטערישע אכזאָריעס, וואָס אזעלכע טראנזאקציעס שטעלן מיט זיך פאָר.

דער גרויסער לאנד־אייגנטימער איז אומעטום א פּאראזיט, וואָס האָט קיין שום רעכט ניט אף „זײַן" לאנד. נאָך א גרעסערער פּאראזיט איז דער אָפּוועזנדיקער פּאָרעץ, וואָס זיצט ערגעץ אין אויסלאנד און לעבט א טאָג אפן רעכענונג פון דער ארענדע, וואָס ער רײַסט ארויס בא די אומגליקלעכע פויערים, וואָס זיצן אף „זײַן" לאנד. אין פּאלעסטינע איז אָבער דער איניען פיל ערגער. אין פּאלעסטינע פארקויפט דער פּאָרעץ ערד, וואָס געהערט גאָר ניט אים — אפילע לויט די אָנגענומענע בורזשואזע באגריפן!

אונטער דער טערקישער הערשאפט איז דעם פויער זייער שווער געווען צו קריגן דאָס אָפיציִעלע פּאפּירל, אז דאָס לאנד, וואָס ער באארבעט, איז זײַנס. דאָס איז געווען פארבונדן מיט שווערע שטײַערן, וואָס מע האָט פריִער באדארפט באצאָלן, און איז געווען פארבונדן מיט „באקשיש", כאבאר, פאר די באאמטע. ווער האָט געקראָגן די פּאפּירלעך, די „קושאנעס"? דער פּאָרעץ, דער עפענדי. און פארן „באקשיש", וואָס ער האָט געגעבן, האָט מען אים שוין אויך צוגעשריבן לאנד, וואָס איז גאָרניט געווען „זײַנס".

אין דעם קאָנפליקט אין וואדי כאווארית האָט זיך איצט ארויסגעוויזן, אז די מייסטע פויערים, וואָס זײַנען געקומען צוריק אָפּנעמען זייער לאנד, זײַנען געזעסן אף באָדן, וואָס האָט גאָרניט געהערט דעם פּאָרעץ, וועלכן די ציִאָניסטן האָבן פארדעמאָזיקן באָדן באצאָלט. דערפאר איז די ענגלישע אדמיניסטראציע געווען אזוי גרויסמוטיק און האָט געלאָזט די פויערים אָפּנעמען בא די ציִאָניסטן א שטיק לאנד, פאר וועלכן זיי, די פויערים, וועלן דארפן צאָלן ארענדע... צופיל פולוער האָט זיך שוין אָנגעקליבן אין פּאלעסטינע, און די אדמיניסטראציע איז דעם מאָל געווען

געצוווּנגען אויסצוּטײַלן „יוישער“ די, ווען מען ערד דער פּאָרעץ האָט פֿאַרקויפֿט די ציוניסטן און אָפּגענומען גרויסע סומען. אָבער פּאַסירט האָבן אַזעלכע זאַכן ניט נאָר אין וואַדי כאַוואַריט, נאָר אין אַסאַך אַנדערע ערטער, און טאַקע אין עמעק. און דאָרט, ווו דער פּאָרעץ האָט שוין פֿאַרקויפֿט „אײגענעם“ באָדן,—איז ער אויך ניט געווען זײַנער, ווײַל אויף דעם באָדן זײַנען געזעסן פּויערים. אָבער די ציוניסטן, און אויך, פֿאַרשטייט זיך, די „סאָציאַליסטישע“ ציוניסטן, אַנערקענען די „גערעכטיקייט“ פֿון „אָפּקויפֿן“, אַפֿילע, ווען דאָס איז פּאַשעטע אויסראַטונג.

אין דער קאָלאָניע נעס־ציוינאָ איז ניט לאַנג צוריק פֿאָרגעקומען אַ מישפּעט איבער אַרבעטער, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אויף „קיבעש האַאַוווידאָ“ (אײַנעמען די אַרבעט פֿון די אַראַבישע אַרבעטער). די מישפּאָטים גופֿע, וואָס די „סאָציאַליסטישע“ היסטאַדרעס (פּראָפֿאַרײַנען) פֿירט איצט דורך אין אַסאַך ערטער, איז אַ באַזונדער קאַפּיטל. אין נעס־ציוינאָ איז די פֿראַגע אויפֿגעהויבן געוואָרן אין דער גאַנצער ברייט. אַן אָנגעקלאָגטער אַרבעטער האָט אויפֿגעדעקט דעם איניען פֿון ציוניסטישן אָנגריף אויך אויפֿן אַראַבישן באָדן און ער האָט פֿאָרגעלייענט אַ ציטאַטע פֿון ציוניסטישן „האַשילויעך“ פֿון 1907 (העפֿט 17), ווו דער שרײַבער יִצחאָק עפּשטיין דערציילט: קימאַט דער גאַנצער באָדן, וואָס „מיר“ קויפֿן, קומט פֿון די פּריצים, בײַ וועמען עס זיצן פּויערים אויף אַרענדע, אויף נאַכלעס, ווו זייערע עלטער־עלטערן זײַנען געזעסן. און אַפֿילע, ווען מע וואַרפֿט צו די פּויערים אַביסל געלט, איז דאָס גאָרניט הערט—זייער לעבן ווערט איבערגעבראָכן.

„נאָך אַדמיעס—דערציילט דער שרײַבער—קלינגען אין מײַנע אויערן די געוויינערײַען פֿון די אַראַבישע פֿרויען אין דעם טאָג, ווען זייערע מישפּאָכעס האָבן פֿאַרלאָזט דעם דאָרף נועני, די איצטיקע קאָלאָניע ראָש־פּינאָ. די מאַנצבילן זײַנען געזעסן אויף די אייזלען און די פֿרויע זײַנען נאָכגעגאַנגען און האָבן געיאָמערט, און אָנגעפֿילט דעם טאָל מיט זייער געוויין, און אָפּט אָפּגעשטעלט זיך און געקושט די ערד, די שטיינער“.

אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן פֿון סאַמע אָנהייב, און אַזוי ווערט עס פֿאָרגעזעצט ביז אַצינד. אויך אין 1925, ווען די צוויי און צוואַנציק אַראַבישע דערפֿער זײַנען אַראָפּגעטריבן געוואָרן אין עמעק, איז דער טאָל אָנגעפֿילט געוואָרן מיט יאָמער און געוויין, אָבער דאָ האָט מען שוין געמוזט אָנווענדן געווער און וואָס ווײַטער ווערט די מילכאָמע ביטערער.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז אָן דעם שוטעף—דער ענגלישער באַאַמטער—וואָלט דער ציוניזם די פּויערים ניט געקאָנט אַראָפּטרײַבן, פּונקט ווי די קאָלאָניעס וואָלטן איצט איין טאָג ניט געקאָנט עקזיסטירן אָן דער ענגלישער וואַך, וואָס געפֿינט זיך איצט אומעטום,—שוין אָפּגערעדט פֿון די אַרסענאַלן און אַלערליי פֿעסטונגען. און דער ענגלישער אימפּעריאַליזם האָט אַ באַזונדערן, סטראַטעגישן אינטערעס, אַז די פֿלײַנען זאָלן זיך געפֿינען אין די הענט פֿון אַן עלעמענט, אויף וועלכן מע קאָן זיך „פֿאַרלאָזן“.

4

דאָרט, ווו די באַיאָנעטן וואקסן

די שיפן פון דער ענגלישער „אָריענט ליין" קורסירן צווישן ענגלאנד און אווסטראליע. איין וועג דויערט פינף־זעקס וואָכן. אפן וועג שטעלט מען זיך אָפּ אין פּאָרט סאיד (באם סועץ־קאנאל), אין אדען, אין די פארשיידענע פּאָרטן אין אינדיע און אווסטראליע.

יעדע שיף איז א שטיק ענגלישע אימפעריע. מע פאָרט פון דער „מוטער"— ענגלאנד—אין די קאָלאָניעס און אף צוריק. און פאָרן אזעלכע, וואָס האָבן „אינטערעסן" אין די קאָלאָניעס. און א גרויסער טייל פון די פאסאזשירן זײַנען באאמטע, קאָלאָניזאטערס, אדמיניסטראטערס, פּאָליציאנטן, מיליטער־לײַט, קאָמיסיאָנערן, „אויספאָרשער", „ציוויליזאטערס". איר זעט, ווי עס פולסירן די אָדערן פון דער ענגלישער אימפעריע, און איר טאפּט פּאָשעט אָן מיט די הענט די וויכטיקײַט פון דעם סועץ־קאנאל פארן ענגלישן אימפעריאליזם.

די שיף „אָטראנטאָ", מיט וועלכער איך בין געפאָרן קיין פאלעסטינע, האָט געפירט א גרופע ענגלישע יונגעלײַט, וואָס זײַנען געווען פארינטערעסירט אין „הייליקן לאנד" ניט ווינציקער פון די ענגלישע מיסיאָנערן, וואָס זײַנען אף דערזעלביקער שיף געפאָרן. דאָס איז געווען א כעווריע מיט יאָדאים (הענט). ווען זיי פלעגן זיך א „שפּיל" טאָן אפן דעק, פלעגט זיך די שיף אָנהייבן שטארקער צו טרייסלען.

די יונגעלײַט זײַנען געפאָרן קיין פאלעסטינע—זײַן פּאָליציאנטן. יעדער יונגער־מאן איז געווען א בײַלאגע צו יעדן מיסיאָנער און „ציוויליזאטער".

אמאָל זײַנען די פּאָליציאנטן בײַלאגעס צו אנדערע פאסאזשירן. ניט לאנג צוריק איז אין טעלאָוויוו געווען לאָרד רעדינג, האָט מען אים געזונגען מאַיאָפעס, געקראָכן אים אונטער די פיס. דער לאָרד אליין האָט גערעדט וועגן דער... ביבל און האָט אין דערזעלביקער צײַט געכאפּט א קוק, ווו עס האלט מיט זײַן קאָנצעסיע—„רוטענבערגס" עלעקטרישע סטאנציע (רעדינג איז דער פּרעזידענט פון דער קאָנצעסיע. פון צוועלף דירעקטאָרן זײַנען זיבן ענגלענדער). כוץ דעם האָט רעדינג געכאפּט א שמועס מיטן ענגלישן „אויספאָרשער" פּרענטש, וואָס קען זײַן באריכט שטורעמען איצט אזוי די ציאָניסטן (ס׳איז א מאגעווער: מע דארף שרײַען גוואלד, קעדיי די אראבער זאָלן מיינען, אז ענגלאנד גייט דאָ די ציאָניסטן קוילענען). מע זאָגט, אז רעדינג האָט עס טאקע געהאט א האנט אין דעם באריכט.

דער הויפּט־צוועק פון די אלע פאסאזשירן קיין פאלעסטינע איז, ווי אן ענגלישער קאָנסערוואטיווער דעפּוטאט (קוירנעל ביוקען) האָט ניט לאנג צוריק געזאָגט אין

פּאַרלאַמענט: ניט אַראַבישע אינטערעסן, ניט ציוניסטישע, נאָר בריטישע אינטערעסן. און אַז די ביבלדיקע לאָרדן אינוועסטירן געלט אין פּאַלעסטינע, איז עס ענגלישע אינטערעסן. וואָס מער ענגלישע אינוועסטיציעס, אַלץ מער אינטערעסן.

איצט בויט ענגלאַנד אין כייפע אַ האַפן, וואָס וועט דינען קווידעמקאָל און הויפּטזאַכלעך דער ענגלישער איראַק־פּעטראָלעוס־קאָמפּאַני: זי וועט ציִען די נאַפט־רערן פון די נאַפט־קוואַלן אין מאָסול (איראַק) צום כייפער האַפן (פאַרשטייט זיך, אַז פאַר קריג־שיפן און מיליטער־טראַנספּאָרטן וועט דער האַפן „אויכ״ טויגן). באַצאָלן פאַרן האַפן וועט די באַפעלקערונג פון פּאַלעסטינע. דערווייל האָט ענגלאַנד געליִען „פּאַלעסטינע״ געלט אַפ בויען דעם האַפן, ניט אָנפרעגנדיק בא דער באַפעלקערונג וועגן די טערמינען פון דער האַלוואָע און וועגן דער האַלוואָע ביקלאַל. מע מאַכט וואָס מער ענגלישע אינוועסטיציעס, וועלכע מע דאַרף געווינלעך „באַשיצן״. נו, געוויס—מע שטעלט אַרויס אַראַבישע אינטערעסן, די אינטערעסן פון דער „יידישער היים״, אָבער דער אימפּעריאַליזם באַפעסטיקט זיינע אינטערעסן.

און זיינע סטראַטעגישע פּאָזיציעס באַפעסטיקט דער ענגלישער אימפּעריאַליזם מיט די ציוניסטישע קאָלאָניעס.

צוויי וויכטיקע באַן־ליניעס ציִען זיך איבער פּאַלעסטינע, וויכטיקע הויפּטזאַכלעך פאַרן ענגלישן אימפּעריאַליזם. איין ליניע גייט פון כייפע לענגויס דעם ברעג פון מיטל־לענדישן יאַם, איבערן דאָרעמדיקן מידבער, ביזן סועץ־קאַנאַל, און פונדאָרטן קיין פּאָרט סאַיד און קאַיראָ (עגיפּטן). די אַנדערע ליניע גייט פון כייפע דורכן יזרעעל־טאָל (איימעק) ביז טראַנסיאָרדאַניע. פונדאָרט פּלאַנעוועט מען די ליניע צו ציִען ביז באַגדאַד. די ליניע האָט פאַר ענגלאַנד אַ גרויסן ווערט פאַר זיך, און אויך דערמיט, וואָס דורך איר באַקומט ענגלאַנד אַ נייעם וועג קיין אינדיע. און אָט דאָס איז דאָך איינע פון די וויכטיקסטע סיבעס, פאַרוואָס ענגלאַנד דאַרף פּאַלעסטינע. די פּאַלעסטינישע באַנען ביכלאַל האָבן פאַר ענגלאַנד אַ ווערט נאָר אַף אַזויפיל, אַף וויפל זיי קאָנען דינען ווי אָדערן פאַר דער אימפּעריע.

פאַר זיך אַליין זיינען די באַנען קנאַפּ־וואָס ווערט. ווי קליין פּאַלעסטינע זאָל ניט זיין, האָט זי דאָך פאַרדינט אַ גרעסערע באַן־נעץ. עס וועט גענוג זיין צו זאָגן, אַז די באַן־„סיסטעם״ אין פּאַלעסטינע פאַרמאָגט אינגאַנצן אַכט און אַכציק (88) פּאַסאַזשיר־וואַגאָנען, קעדיי צו באַגרייפן, ווי גרויס דידאָזיקע „נעץ״ איז... (לאָקאָמאָטיוון, אַלטע און נייע, פאַר פראַכט, פּאַסאַזשירן און מיליטער, פאַרמאָגט די „סיסטעם״ אינגאַנצן 69).

די באַן אין פּאַלעסטינע לויפט אינדערלענג פון „לאַנד״, לענגויס דעם ברעג יאַם. אינדערברייט פאַרמאָגט זי נאָר צוויי אָפּצווייגונגען—איינע קיין יערושאָלייִם, די הויפּט־שטאָט, און אַ צווייטע קיין נאַבלוס (שכעם). אַנדערע שטעט, וואָס האָבן ניט דעם מאַזל צו געפינען זיך באַם ברעג, ווי ביירשעווע, כעווראָן, נאַזאַרעט (נעצערעס), טווערייע און צפאַס, האָבן ניט קיין באַן־פאַרבינדונגען. ביירשעווע, אין אַראַבישן דאָרעם, האָט אַפילע ניט קיין געהעריקן שאָסיי, וואָס זאָל קאָנען באַנוצט ווערן אויך אין רעגן־סעזאָן.

ענגלאַנד דאַרף די באַן נאָר פאַר אירע צוועקן, ניט פאַר דער באַפעלקערונג. פונדעסטוועגן האָט זי דידאָזיקע באַן, וואָס זי האָט פאַרכאַפּט בא די טערקן, „פאַר־

קויפט" דער ענגלישער אדמיניסטראציע פאר א פעטן פרײַז, און די פאלעסטינער באפעלקערונג צאָלט שווערע שטײַערן פאר אויסהאלטן א זאך, וואָס דינט ענגלאנד... (און די באפעלקערונג האָט דאָך שוין פאר דער באן צום גרויסן טייל געצאָלט דער טערקישער אדמיניסטראציע פאר דער מילכאָמע).

און קעדיי צו פארזיכערן זיך מיט דער באן-נעץ, האָט די ענגלישע אדמיניסטראציע געזען, אז דאָרט, ווו די באן לויפט דורך, זאָלן זיך באפעסטיקן עלעמענטן, וואָס שטייען איר צום דינסט—די ציִעניסטן. און אזוי זעען מיר, ווי די ציִעניסטישע קאָלאָניעס זײַנען געבויט געוואָרן לענגויס דעם יאם-ברעג—אין געביט פון דער ליניע כייפע—סועץ-קאנאל, און אין איימעק—אין געביט פון דער ליניע, וואָס גייט פון כייפע קיין טראנסיאָרדאניע און איראק. דאָ האָבן מיר ווידער איינע פון די סיבעס, פארוואָס די ענגלישע מאכט טיילט אויס מיט אזא פרײַער האנט באיאָנעטן אף צו העלפן די ציִעניסטן אראָפטרײַבן אראבישע פויערים, און באיאָנעטן די קאָלאָניעס צו באוואכן.

דער צענטער פון דעם ענגלישן מיליטער אין לאנד געפינט זיך אין ראמלי—הארט בא דער ליניע כייפע—סועץ-קאנאל, לעבן דעם באן-„קנופ" לידא. די פארשיידענע מיליטערישע פאָסטן אין די קאָלאָניעס ווערן אויך געהאלטן ניט ווײַט פון דער באן. דער מיליטערישער פאָסטן אין קארקור, לעמאָשל, געפינט זיך צוואנציק מינוט פון דער באן-ליניע (מיטן אווטאָמאָביל) ניט ווײַט פון דער סטאציע כעדערא. און די אלע באפעסטיקונגען אין די קאָלאָניעס, די ארסענאלן, די מיליטערישע ציִעניסטישע אָרגאניזאציע „האגאנא", וועלכע איז באוואָפנט מיט דער אומאָפיציעלער האסקאָמע פון דער ענגלישער מאכט, דינען ענגלאנד אפ צו פארזיכערן די געביטן פון אירע צוויי אימפעריע-אָדערן, די באן-ליניעס. און וואָס אומרויִקער עס ווערט אין לאנד, וואָס שטארקער עס ווערט די נויט צווישן די פעלאכן, וואָס מער עס הייבט זיך די כוואליע פון דער אגראר-רעוואָליוציע—אלץ מער ענגליש-ציִעניסטישע באיאָנעטן וואקסן אויס.

די ענגלישע מאכט האָט איצט געשטעלט די גאנצע פאלעסטינישע פאָליציי דירעקט אונטער איר פירונג. פריִער איז די פאָליציי קאָנטראָלירט געוואָרן נאָר פונויבן. איצט געטרויט מען שוין ניט אזוי פיל. אין יעדן צירקל געפינט זיך איצט אן ענגלישער מיליטער-מאן. די קארגע דרײַ טויזנט פאָליציאנטן ווערן רעאָרגאניזירט אזוי, אז ענגלאנד זאָל זיך קאָנען אף זיי פארלאָזן. אין לאנד געפינען זיך איצט צוויי ארמיי-באטאליאָנען, איין עסקאדראָן פון באָמבעס-ווארפנדיקע עראָפּלאנען, איין עסקאדראָן פון „אלגעמיינע" מיליטער-עראָפּלאנען, איין קאָמפאניע געפאנצערטע אווטאָמאָבילן. די צאָל ענגלישע פאָליציאנטן איז זינט 1929 געהעכערט געוואָרן פון 365 אפ 631. און די צאָל וואקסט, ווי אונדזערע „שיף-ברידער" האָבן איידעס געזאָגט.

וועגן דער פארבינדונג צווישן ענגלישע באיאָנעטן און ציִעניסטישער „קאָלאָניזאציע" זאָל ריידן דער געוועזענער פאלעסטינער הויך-קאָמיסיאָנער טשענסעלאר, וועלכער זאָגט אין זײַן באריכט פארן יאָר 1930 אזוי:

„די ענגלישע און פאלעסטינישע טיילן פון דער פאָליציי זײַנען פארשטארקט געוואָרן, און די פאָזיציעס אירע זײַנען אײַנגעאָרדנט געוואָרן אף אזא שטייגער, אז קיין וויכטיקער יִידישער יִשעוו אָדער גרופּע פון יִידישע קאָלאָניעס זאָל זיך ניט געפינען אָן א פאָליציי-פּאָסטן."

פארטיידיקונג-מיטלען, וואָס זאָלן אָנגעווענדט ווערן אין א נויט-פאַל, זײַנען צוגעגרייט געוואָרן נאָך א באַראַטונג מיט די מיליטערישע פאָרשטייער; פארכאסמעטע ארסענאלן מיט ביקסן פון דער פירמע „גרינער" זײַנען באַזאָרגט געוואָרן, א טעלעפאָן איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אין יעדער קאָלאָניע און א נעץ מיט וועגן איז אויסגעבויט געוואָרן, גוט פאר יעדן וועטער, אויך צו אזעלכע קאָלאָניעס, צו וועלכע עס איז שווער געווען צוצוקומען אום ווינטער".

„עס זײַנען אויך דורכגעפירט געוואָרן די אנדערע רעקאָמענדאציעס פון סער ה. דאָוביגין אָף צו פארבעסערן די טיכטיקייט און אָרגאניזאציע פון דער פאלעסטינישער פאָליציי".

וואָס עס זײַנען די „אנדערע רעקאָמענדאציעס" פון דעם סער, וועלכער איז דער גענעראַל-אינספעקטער פון דער ענגלישער פאָליציי אין ציילאָן, אָן אויטגעפרווטער בריטישער בולדאָג, דאַרף מען זיך, אפאָנעם, אָנשטויסן.

אָט דאָ האָבן מיר א בילד פון דער באַיאָנעטן-סיסטעם, אָף וועלכער דער גאנצער ציִעניסטישער יִשעוו, האַלט זיך, קעדיי ענגלאנד זאָל האָבן א גוטן אויסרייד אָף באַפעסטיקן אירע סטראַטעגישע אימפעריע-פּאָזיציעס.

פארשטייט זיך, די פאלעסטינישע באפעלקערונג, וועלכע באשטייט אָף אכציק פראָצענט פון אראבער, מייסטנס פעלאכן, צאָלט פאר די באַיאָנעטן.

עס איז גאָר-וואָס פארעפנטלעכט געוואָרן דער באריכט פון דער ענגלישער אדמיניסטראציע וועגן אירע האכנאָסעס און הויצאָעס אין 1931. דאָס איז א באַלערנדיק קאפיטל אימפעריאַליסטישע אויסזויגונג פון די ברייטע מאסן פון דער אָרעמער באפעלקערונג.

פון אלע האכנאָסעס פון דער אדמיניסטראציע, וועלכע האָבן אויסגעמאכט צוויי מיליאָן מיט 333 טויזנט פונט (אין קײַלעכדיקע ציפערן), זײַנען 922 טויזנט פונט—ארום פערציק פראָצענט!—געקומען פון צינזן און שטײַערן, וואָס פאלן אָף די ברייטע מאסן. אָף צוקער, לעמאָשל, איז געווען אן אָפּצאָל פון העכער הונדערט פראָצענט! אָף טאבאק און ציגארעטן—העכער צוויי הונדערט פראָצענט. אָף בענזין—העכער הונדערט פראָצענט (אין פאלעסטינע זײַנען ניטאָ קיין טראמווײַען. אין יערושאָלאַיִם, יאפע, טעלאָוויוו און כייפע באנוצט זיך די באפעלקערונג מיט אָמניבוסן. אויך צוליב דער שוואכער באַן-קאָמוניקאציע באנוצט מען זיך מיט אָמניבוסן. דער אָפּצאָל אָף בענזין פאלט אָף אזא אויפן אָף די ברייטע מאסן). אָט די אלע אומדירעקטע שטײַערן אָף ארטיקלען פון מאסן-געברויך ווערן אלץ העכער.

עס איז זייער כאראקטעריסטיש: דער אָפּצאָל אָף זייד מאכט אויס ניט מער ווי פופצן (15) פראָצענט. דאָסזעלביקע דער אָפּצאָל אָף גאנצע אווטאָמאָבילן. דאָס זײַנען ארטיקלען, וואָס עס באנוצט זיי ניט דער פעלאך און ניט דער ארבעטער. אָט אזוי איז דער יושער פון דער זייער-יושערדיקער מאכט, וואָס בויט „נאציאָנאלע היימען"...

די גרעסטע ציפער אין די האכנאָסעס איז דער אגראר-שטײַער—400 טויזנט פונט.

מיר האָבן צו טאָן מיט א ביודזשעט, וואָס לייגט זיך שווער אָף די אָרעמע מאסן, אָפן פעלאך, וועלכער מאכט אויס די מערהײַט.

און די הויצאָעס?

פון אלע אויסגאבן—צוויי מיליאָן מיט 374 פונט—איז פאר פאָליציי, מיליטער און טורמעס אוועק 772 טויזנט פונט, א דריטל פון גאנצן ביודזשעט! צוזאמען מיט

אויסהאלטן די ענגלישע אדמיניסטראציע און פראָצענטן אפן כויוו צו ענגלאנד (לעמאָשל, פאר די באנען...) איז אויסגעגעבן געוואָרן א מיליאָן מיט 188 פונט — א העלפט פון גאנצן ביודזשעט. דעריבער איז שוין קיין וואונדער ניט, וואָס אף געזונט־פארהיטונג איז מער ניט געוועזן ווי 106 טויזנט פונט, אף בילדונג — 147 טויזנט און אף אויסבעסערן דעם צושטאנד פון דער אגריקולטור — 81 טויזנט...

וואָס איז דער הינטערגרונט פאר אזא בלוטזויגערישן ביודזשעט?

די באפעלקערונג — נאָכאמאָל: וועלכע איז אף אכציק פראָצענט אן אראבישע — מוז צאָלן פאר די באאַמטן, אף וועלכע די „היים" איז אָנגעשפארט. אָט דערפאר פארקויפט מען עס גאנצע דערפער פאר ניט באצאָלטע שטייערן. און אָט דערפאר ברענט עס ווידעראמאָל אזא דראָענדיקער פייער קעגן דער גאנצער ענגליש־ציוניסטישער אוואנטיורע, שוין אָפגערעדט פון דעם פייער, וואָס דאָס אראָפטרייבן דעם אראבישן פעלאך פון דעם בעסטן באָדן האָט אָנגעצונדן.

דערפאר איז די לופט אָנגעפילט מיט אזא האס, וואָס איר באמערקט עס ניט אין קיין לאנד אפן וועג קיין פאלעסטינע. מאמעש — עס ברענט דער באָדן אונטערן ציוניסטישן יישעוו. און עס מאכט ניט אויס, וויפל געלט די ציוניסטן וועלן נאָך ארייַנוואַרפן (ריכטיקער: ארייַנשטאָפן) אין אָט דעם באָדן ארייַן. ענגלאנד גיפעלט דער איניען. יעדער ציוניסטישער דאָלער, וואָס ווערט ארייַנגעשיקט קיין פאלעסטינע, דינט איר ע אינטערעסן. די אלע באפעסטיקונגען אין די קאָלאָניעס, וועלכע דינען אירע אינטערעסן, זייַנען אויסגעבויט געוואָרן פאר די מיליאָנען, וואָס מע האָט געזאמלט נאָך די געשעענישן פון 1929. די „האגאנא" — אן ארמיי פון טויזנטער פאשיסטן — ציוניסטן — ווערט אויסגעהאלטן פון ציוניסטישע געלטער, און דאָס איז ווידעראמאָל אן ארמיי פאר ענגלאנד אין פאל פון אן אופשטאנד אָדער א מילכאָמע. די אלע געלטער העלפן ענגלאנד. אָבער אָפקילן דעם אָנגעגליטן באָדן פון „יישעוו" קאָנען זיי ניט. פארקערט.

נאָר וועגן „יישעוו" און וועגן דער ספעקוליאציע מיט פארדייסים און וועגן זייַן גאנצן ווערט פאר די יידישע מאסן אין „גאָלעס" דארף גערעדט ווערן אויספירלעכער.

5

מע ספעקולירט מיט פּאַרדייסים

דרײַ פערטל שאָ מיטן אָמניבוס פון טעלאָוויוו—און איר זעט שוין דורכגעפאָרן איען־גאנים, פעטאכטיקווא, איען־כײַ, מאגדיל, ראנאנא און, דאכט זיך, די בניי־בראק און נאָך א קאָלאָניע און איר קומט אין הערצליא, די קאָלאָניע פון „אמעריקן זייאָניסט קאמאָנוועלט".

דער אָמניבוס שטעלט זיך אָפּ פאר א „געשעפט", און איר טרעפט אמעריקאנער לאנדסלײַט: א קרעמער פון דזשעקסאָנוויל, פלאָרידא, איז געקומען אהער און דאָ אופגעעפנט א קרעמל, רעסטאָראן—רופט עס ווי איר ווילט. געשוקט האָט ער אהער פריער דעם זון, א כאָלוץ, דערנאָך איז ער געקומען מיט דער גאנצער פאמיליע, און אָט איז ער א קרעמער דאָ. דער כאָלוץ שנײַדט א „סענדוויטש" (פוטער־ברויט), ווען אין דעם ליידיקן רעסטאָראן ווארפט זיך ארײַן א הונגעריקער קונד, און די יונגע מיידל טראכט וועגן דזשעקסאָנוויל און די דאָרטיקע „מוּווים" (קינאָס).

אפן טישל באווײַזט זיך דער פראָדוקט פון דער גרעסטער „אינדוסטריע" פונעם „יִשעוו" אין פאלעסטינע: סאָדע־וואסער.

די פאמיליע איז אײַנגעהאלטן. די שטימונג איז אן אָפגעריבענע. ניטאָ די אויסגעכאזערטע רעקלאמע פון דער ציִעניסטישער טוריסטן־ליטעראטור. עפעס קוועטשט דאָ ערגעץ א שוך.

— פאראן אסאך אמעריקאנער?

— פאראן, נו.

— פארוואָס „נו"?

— עס קומען אזעלכע, וואָס מעגן בלײַבן אינדערהיים. קומען אין ערעצ־יִסראָעל ווערן פראָצענטניקעס איז שוין גאָרניט אזא פײַנע זאך.

— אזוי? טאקע ניט. און די אנדערע וואָס מאכן? אָלרײַט?

— ווער עס איז אָלרײַט און ווער עס איז ניט אָלרײַט. אז מע קומט אהער מיט א קאפיטאל, איז אײַנס אוועק. און אז מע קומט א קאבצן...

— בלײַבט מען א קאבצן.

— בלײַבט מען, ווי דען? עס העלפן ניט קיין שום קונצן.

סאָפּקאָלסאָף האָט מען זיך דערעדט צום הויפט־„אומגליק": קאָלאָניסטן באשעפטיקן אראבישע ארבעטער, און כאלוצים דרייען זיך ארום ליידיק. און אָן זיי—גיט די קרעמערקע א פיר מיטן האנט איבער דער גאנצער קאָלאָניע—איז „די גאנצע זאך"

ניט ווערט א שישקע פּולווער. דאָס הייסט, אראבער גייען אויך ארום ליידיק, אָבער פריַער, ווען עס איז געווען אביסל ארבעט...

קאָן זיַין, אז דאָ האָט געקלונגען א פערזענלעכער פאַרדראָס: פאַרוואָס זאָל דער זון, דער כאַלוץ פון אמעריקע, ניט קריגן א טאָג ארבעט? דריַי מענטשן אף דער לאנגען א גלאָז סאָדע־וואסער איז ווייניק, מע דארף נאָך א פערטן? אָבער אין די רייך פון דער פאמיליע איז געווען עטוואָס פון דעם סקעפּטיציזם, וואָס טריפט טראָפּנוויַיז פון אסאך זיַיטן אף דער „גאנצער זאך". און די מיַיסע מיט אמעריקאנישע פּראָצענטניקעס איז לעכאטכילע געווען טשיקאווע, אָבער באַלד האָט זיך דער איניען אריַינגעפּאסט אין דעם גאנצן רומל.

וויַיל הערצליאָ, וואָס דער „אמעריקן זייאָניסט קאמאנוועלט" האָט, אגעוו, אָפּגע־קויפט אין 1924 בא א פּאָרעץ (עפענדי) אין ס י ר י ע, געפינט זיך אין דעם געביט פון פּארדייסים (אפּעלסין־סעדער), און אף אזא אופן—אין דעם געביט פון אזא אופגעבלאָזענער ספּעקולאציע, וואָס נאָר מענאכעם־מענדלס זיַינען אף דעם פּייַיק.

איןווארשע האָט מען אמאָל, אין די יאָרן פון דער אינפלאציע, ניט דורכגעלאָזט אימיצן פון אמעריקע—טאָמער האָט ער „לאָקשן" (דאָלארן) צו פארקויפן. אין טעלאָוויוו און אין די ארומיקע קאָלאָניעס, אז מע דערשמעקט, אז איר קומט פון אמעריקע, נעמט מען איַיך באַלד אפּן דראָנזשיק:

— געקומען קויפן א פּארדעס?

— ניין, ניט געקומען קויפן קיין פּארדעס.

— גוט. ניט איז ניט. אוודע געקומען אָנקוקן. זייער פיַין. אדעראבע, עפּשער וועט איר טאקע אָנקוקן א פּארדעס? עס וועט איַיך גאָרניט שאטן. עס זיַינען דאָ אזעלכע, וואָס האָבן זיך פיַין אָפּגעבריט אויך, פארלאָרן היפּש געלט.

— מע פארלירט געלט אין פּארדייסים?

— אַך, איר דארפט זיך גאָרניט שרעקן. דעריקער איז קריגן א ראיעלן מענטשן. וויַיל, איר פארשטייט, מיסטער, א פּארדעס איז א פּארדעס נאָך זעקס יאָר. זעקס יאָר דארף מען ווארטן. נו, קאָן מען קריגן א פּארטיקן פּארדעס, א דריַי־יאָריקן, א צוויי־יאָריקן—עס ווענדט זיך נאָכן קאפּיטאל. וואָס לענגער מע דארף ווארטן, אלץ מער קאָן מען פארלירן. און דער ברונעם האָט אויך וואָס צו זאָגן. אָט איז בא איינעם א ברונעם, וואָס האָט געקאָסט טויזנט פונט און גיט ניט קיין וואסער. ס'הייסט, ער גיט, אָבער ניט גענוג. גראָבט מען טיפער, וועט ער שוין אריַינטריַיבן אין די פופצן הונדערט פונט אָדער די גאנצע אכצן. און דערנאָך וועט מען ערשט זען.

דער מעקלער האָט לאכלוטן ניט געטויגט צו דער מעלאָכע—ער האָט קאליע געמאכט. אפּאָנעם, בא אים א זיַיטיקע פּארנאָסע, ווי בא אסאך איַינוווינער אין די קאָלאָניעס. אָבער אָנקוקן א פּארדעס איז מען געגאנגען. און מע האָט וויַיטער גערעדט וועגן פּארדייסים און „פּארדעסלעך". און עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז א פּארדעס, ווו עס וואקסט שוין עפּעס, קאָסט פון אכציק ביז הונדערט פונט (דריַי־פיר הונדערט דאָלער) א ד ו נ א ם. און אף מאכן א לעבן דארף מען האָבן

כּאָטש פֿינף און צוואַנציק דונאַס (אַזוי זאָגט דער מעקלער). און דערבײַ האָט ער דערציילט אַ מײַסע, וואָס איך האָב געהערט אין פֿאַרשיידענע געגנטן, וואָרט אין וואָרט די אייגענע, אַז „דאָ באַלד" האָט אַן אַמעריקאַנער פֿאַרן קראַך געקויפֿט אַ באַיאַרע (פּאַרדעס, הייסט עס) פֿון 150 דונאַס, צו אַכציק פֿונט אַ שטיק. און אַז דער קראַך איז געקומען, און אין אַמעריקע האָט ער פֿאַרלאָרן אַלצדינג, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פּאַלעסטינע האָט אים געראַטעוועט.

די ווײַב פֿון אַ ציוניסטישן באַאַמטן אין טעלאָוויוו האָט דערציילט פּונקט דיזעלביקע געשיכטע און האָט זיך אויש פֿאַסמאַקעוועט: אָט וואָס פֿאַר אַ מדינה פּאַלעסטינע איז! דער „ישעוו" איז אַזוי אַרײַנגעקראָכן אין ספּעקולאַציע, אַז ער באַגרײַפֿט ניט, וואָס עס באַטײַט פֿאַר קאָלאָניזאַציע דער פֿאַקט, וואָס אַ קאַפּיטאַליסט קאָן קומען און אַרײַנלייגן זעכציק טויזנט דאָלער—אַ ספּעקוליר טאָן! (אָנגענומען, אַז די מײַסע איז אַן אמתע). אַזעלכע קאַפּיטאַליסטן קאָן מען טרעפֿן אין עגיפּטן אויך: ווו אַ גוט שטיקל לאַנד, קויפֿט מען עס אויף, מע באַשעפֿטיקט „ביליקע אַרבעט" און מע עקספּאָרטירט אַפּעלסינען. אָבער וואָס האָט די אָרטיקע באַפֿעלקערונג דערפֿון—כּוח עקספּלואַטאַציע? וואָס פֿאַר אַ שײַכעס האָט אַזאַ איניען צו קאָלאָניזאַציע, צו פּראָדוקטיוויזירן דעם לופֿט־מענטש?

ביפֿראַט נאָך, ווען אין זײַער קליינעם לאַנד פּאַלעסטינע האַנדלט זיך עס וועגן אַ פֿאַרהעלטניסמעסיק אומבאַדײַטנדיקן שטעטל, וואָס טויג פֿאַר אַפּעלסינסעדערײַ. איז, אַז וואַרבורג האָט שוין אײַנגעהאַנדלט איין גרויסן מאַיאָנטעק פֿאַר צוויי הונדערט טויזנט דאָלער און דער לאָרד מעלטשעט האָט זיך געמאַכט אַ גאַנץ טרעסטל, וואָס ספּעקולירט מיט פּאַרדייסים,—טאָ וואָס בלײַבט שוין? (און דאָס, וואָס עס בלײַבט, גייט דאָך אויך פֿאַר ספּעקוליאַציע).

אָן צענדליקער טויזנטער דאָלער—און טאַקע אַסאַך!—קאָן מען זיך צו קיין באַיאַרע ניט צורירן. דאָס „קליינע מענטשל" קאָן טאָן דאָס אייגענע, וואָס אין אַלטן שטעטל: קוקן אויפֿן גווירס גאַניקל און פֿאַסמאַקעווען זיך. פֿון דעם כּאַלוץ—דער אָרעמער טײַוול פֿון גאַנצן „ישעוו"—איז שוין אָפּגערעדט.

געטראָפֿן אין רעכאָוואָט (רחובות) אַ פֿאַרפּירטן אַרבעטער, וואָס טרוימט שוין יאָרן פֿון אַ „פּאַרדעסל". ער און די פֿרוי זײַנע האָבן שוין איבערגעטאָן די שווערסטע אַרבעטן. זי איז געווען אין אַ קוווצע און איז שיר ניט געשטאָרבן פֿון שלעכטער דערנערונג. לעבן לעבט מען אין אַ באַראַקל (די באַראַקעס—דאָס איז אַ קאַפּיטל אין דעם לעבן פֿון פּאַלעסטינישן יידישן אַרבעטער, וואָס די ציוניסטישע פּרעסע האָט פֿאַרשוויגן צום טייט). אויסקוקן קוקט מען אויס אויף צאָרעס, איבערגעהאָרעוועט. די האָפֿענונג: ווער ווייס, עפּשער וועט אַמאָל זײַן אַ פּאַרדעסל. שוין עטלעכע יאָר, ווי דער „קרן קימת" באַזעצט אים. דאַרף מען אײַנצאָלן פֿופֿציק פֿונט. ווו נעמט מען אַזאַ סומע? אַז קיין גאַנץ יאָר אַרבעט איז ניטאָ, און אַז מע אַרבעט שוין, קריגט מען ניט באַלד באַצאָלט, נאָר—קוויטלעך. און אַז מע וועט שוין אײַנצאָלן, וועט מען ווידער דאַרפֿן וואַרטן, ווער ווייס ווי לאַנג. און דערנאָך וועט מען פֿלאַנצן דאָס פּיצל ערד, און—וואַרטן זעקס יאָר... (און גוטע ערד וועט מען דאָך ניט קריגן—די ספּעקולאַנטן כאַפּן אויס).

ווען איר דערהערט, אז אן ארבעטער (און דאָ האָט זיך געהאנדלט וועגן א העכט־קוואליפיצירטן, א ברונעם־בויער) קריגט קוויטלעך, אָנשטאָט סכירעס, קאָנט איר עס אפן מאָמענט ניט באגרייפן. ווען איר באקענט זיך אָבער מיטן ספעקוליאטיוון כאראקטער פון דער „גאנצער זאך״—און דעריקער מיט דער „וועקסעלעך״־סיסטעם פון טעלאָוויוו, וואָס שטייגט אריבער די וועקסעלעך־מאכינאציעס פון די גאלעוועקעס!—ווערט בא אייך רעכט: אנדערש קאָן טאקע ניט זיין.

עס איז אזוי נאטירלעך, אז אפן באָדן, וואָס מע האָט אויסגעספעקולירט פון עפענדי, און באזעצט מיט דער הילף פון גוואלט, און וואָס ווערט באשיצט מיט דערזעלביקער הילף און אויסגעהאלטן דורך א ספעקוליאנטישער באוועגונג,—עס איז נאטירלעך, אז אלץ זאָל דאָ טראָגן א ספעקוליאטיוון כאראקטער. טאָ וואָס איז שוין דער וואונדער, וואָס מע קומט זיך „פראָדוקטיוויזירן״ ווי פראָצענטניקעס אין דעם לאנד, וווּ דער פויער צאָלט דורכשניטלעך דרייסיק (30) פראָצענט פארן געלט וואָס ער לייט!...

שוין דער אופן, ווי די קאָלאָניעס זיינען אויסגעלייגט אין פאלעסטינע, איז ספעקוליאציע. אין דריי פערטל שאָ פון טעלאָוויוו פאָרט איר אָפּ העכער א האלב טוץ קאָלאָניעס. וויאזוי האָבן זיי זיך אויסגעלייגט אף אזא שטעטך? (און אראבישע ערד איז דאָך אויך פאראן דאָ און דאָרטן). דער ענטפער איז א פּאָשעטער: מע דארף אסאך נעמען, קעדיי צו קאָנען אָנציילן וואָס מער קאָלאָניעס, שפּאלט מען איין קאָלאָניע אף עטלעכע, און... עס איז דאָ אסאך. מאגדיל, קפאר־סאבא, נאָך צוויי קאָלאָניעס, און א „קיבוץ״ פון שוימער האצאָיר אין מיטן—אלץ צוזאמען וואָלט אין „גאָלעס״, מישטיינס געזאָגט, געווען איין קאָלאָניע, איין דאָרף. אנדערש איז אָבער דאָ. דאָ גיט מען עס פינף נעמען. די קאָלאָניעס גופע ליידן דערפון, דער שטעטך ווערט ניט גרעסער, דאָס לאנד אויך ניט, אָבער נעמען איז דאָ מער פאר די באריכטן אף די קאָנגרעסן.

מיט די נעמען איז, פארשטייט זיך, ניט גלאטיק, ווי מיט ציוניסטישער סטאטיסטיק וועגן פאלעסטינע ביכלאל. אין א פּראָפּאגאנדע־בלעטל פאר די טוריסטן ווערט די צאָל נעמען פון די קאָלאָניעס אָנגעגעבן אף 120 (פאר 1929). אין דעם לעצטן באריכט אין באזעל אפן זיבעצנטן קאָנגרעס האָט זיך גערעדט וועגן 107 נעמען. אָבער אין דעם ציוניסטישן „וועגווייזער״ (פאר טוריסטן), ארויסגעגעבן אין 1932, ווו עס ווערן אויסגערעכנט אלע קאָלאָניעס, מיטן שטעטך, מיט דער באפעלקערונג, איז מער ווי 98 נעמען ניטאָ (מיט דער באפעלקערונג איז אויך ניט גלאטיק, ווי מע קאָן זיך דערוויסן אף די ערטער, ווען מע פרעגט זיך נאָך, וויפל איינוווינער א קאָלאָניע האָט).

די „גאנצע זאך״ טראָגט א ספעקוליאטיוון כאראקטער. פון קאָלאָניזאציע, פראָדוקטיוויזאציע איז אָפּגערעדט. ווער עס האָט ניט קיין צענדליקער טויזנטער דאָלער (אָדער „כאָטש״ א צען טויזנטער!) קאָן ווערן... א קרעמער מיט א פיצעלע אָנשטעל, ווי דער לאנסטמאן פון דזשעסאנוויל אָדער גאָר אוועקשטעלן זיך מיט א טישל סאָדע־וואסער, מע קאָן אויך פרובירן זוכן א טאָג ארבעט בא א רייכן פארדעסניק און קריגן הונגער־סכירעס אָדער... א קוויטל.

דאָס איז אַלץ גערעדט וועגן דעם קליינעם ראַדיוּס אַרום טעלאָוויוו, אַ האַלב שאָ אָדער אַ שאָ פֿאָרן. דאָס איז דער „פּראָספּעריטי״־געביט. וועגן דער לאַגע אין אײמעק—דער שטאָלץ פֿון דער ציִוניסטישער קאָלאָניזאַציע—האָבן מיר שוין דער־מאָנט דורך די רייד פֿון אָרטיקע קאָלאָניסטן אין „דבר״ (זע בריוו וועגן דער טרי־קעניש אין פּאַלעסטינע). די ערד איז אַן אָרעמע, אַ באַליידיקטע. איין יאָר היישע־ריקן, אַ צווייטער—מײַז, הײַנטיקס יאָר—אַ טריקעניש. מע אַנטלויפֿט פֿון אײמעק—פֿון די קאָלאָניעס, קוווצעס, פֿון דער „שטאָט״ אַפֿולע, וווּ ניט איין הויז שטייט מיט פֿאַרקלאַפּטע טיר־און־פֿענצטער. אָבער דאָס פֿירט אונדז אַרײַן אינעווייניק אין די קאָלאָניעס און קוווצעס גופֿע. עס וועט וויכטיק זײַן צו אַנאַליזירן זייער סאָציאַלן צוזאַמענשטעל און בכלל זען, וואָס פֿון אינעווייניק טוט זיך.

6

איבער די ציוניסטישע קאָלאָניעס

פּעסאַכטיקוואָ פאַרמאָגט נײַן טויזנט אײַנוווינער. לויט דער לעצטער פאָלק־ציילונג (סאָף 1931) מאַכט אויס די ייִדישע דאָרפישע באַפעלקערונג אין פּאַלעסטינע עטוואָס איבער 45 טויזנט (אין די שטעט — 130 טויזנט). אין דער קאָלאָניע פּעסאַכטיקוואָ געפינט זיך אַף אַזאַ אויפן א פינפטל פון דער גאַנצער ייִדישער דאָרפישער באַפעלקערונג. די קאָלאָניע איז אויך דער צענטער פון דעם „פּראָספּעריטי"־געביט, ווו עס געפינען זיך די אַפּעלסין־סעדער. מיט אַזאַ קאָלאָניע איז ווערט אָנצוהייבן.

אָנגעקומען אַהין פרײַטיק באַטאָג. דער אָמניבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט אַפן מאַרק — און עס איז אויסגעוואַקסן דאָס אַלטע ליבהאַרציקע שטעטל. קלייטלעך גרע־סערע, קלענערע, גאָר קליינע. טישלעך מיט סאָדע־וואַסער (פאַרשטייט זיך!). באַלע־באָטעס מיט קאַלטענעוואַטע בערד, וואָס ווערן פאַרסמאַליעט אונטער דער הייסער זון און קוקן אויס די אויגן אַף אימיצן, וואָס דאַרף א פּורל. א שול — איינע פון צען (10) שולן און חסידים־שטיבלעך אין פּעסאַכטיקוואָ. דאָס אַלטע שטעטל — עס זאָל פעלן א האָר.

די ייִדענע, וואָס פאַרקויפט דעם שאָפער א גלאָז סאָדע־וואַסער, קלאָגט:

— גיי, פאַרדין אַף שאַבעס, אַז אַף אָט דעם קליינעם מאַרק געפינען זיך גאַנצע אַכט גאַזאָזניקעס. און צו אַלע גליקן וויל עס גאָר זומער ניט ווערן!

די זון האָט געסאַרפּעט, אַז מע האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען, און פאַר דער „גאַזאָזניצע" אין פּעסאַכטיקוואָ איז געווען קאַלט...

גענומען אַרומשפּאַצירן איבער די געסלעך פון דעם שטעטל און אָנגעטראָפן נײַע קראָמען, קרעמלעך, און סאָדע־וואַסער־פאַרקויפער. און מיטאַמאָל האָט זיך אופגע־עפנט פאַר די אויגן נאָך א מאַרק — א גרעסערער, ווי דער פריִערדיקער, אָנגעפּאַקט מיט גראָשנדיקע בײַדלעך, מיט טישלעך, מיט קרעמלעך, וואָס זײַנען געווען גרויס דאַלעד־אַל־דאַלעד. און דעריקער — אָן קוינים. עטלעכע קרעמער זיצן אין שאָטן און דערציילן זיך מעשׂיות. אין די מייסטע קרעמלעך האָט מען געכאַפּט א דרימל. אין איין שניט־קרעמל, וואָס האָט געהאַט אוואַדע פאַר א פּופציק דאָלער סכוירע, איז געזעסן דער קרעמער און נערוועז געקלאַפּט מיט די פינגער אָן טיש, ווי איינער רעדט: ווו נעמט מען אַף שאַבעס?

דאָס גאַנצע בילד האָט געמאַכט א דערדריקנדיקן אײַנדרוק.

וואָס דאַרף פּעסאַכטיקוואָ אַזויפיל קרעמלעך?

לויט דער רעכענונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פֿאַראיאָרן זומער, האָבן זיך דעמלט געפֿונען אין פּעסאַכטיקוואַ פֿינף הונדערט (500) קרעמער, וואָס צוזאַמען מיט זייערע מישפּאָכעס האָבן זיי אויסגעמאַכט שיער ניט א דריטל פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג פֿון דער „קאָלאָניע". איז, אַז מע זאָל נאָך אַראָפּרעכענען די באַלעגאָלעס און באַלמעלאָכעס, וואָס געפֿינען זיך דאָ אין א צו גרויסער פּראָפּאָרציע (ווי אין דעם אַלטן שטעטל), און די באַאַמטע, און די קלייקוידעש פֿון די צען שולן, און די לערער, און דעם כאַזן און די שאָכטים, און די ציין־דאָקטוירים,— ווער פֿאַרנעמט זיך דאָ מיט ערד־אַרבעט?

דאָס איז א וויכטיקע פֿראַגע, וואָס פֿאָדערט אַן ענטפֿער. לויטן „צענזוס פֿון דער יידישער אַגריקולטור" אין פּאַלעסטינע, אַרויסגעגעבן אין מאַרט 1928, האָט פּעסאַכטיקוואָ געהאַט 45 פּראָצענט זעלבסטעטיקע (פֿאַרדינער) וואָס האָבן זיך ניט באַשעפֿטיקט מיט אַגריקולטור. צווישן זיי האָבן זיך געפֿונען גאַנצע 138 מיטגלידער פֿון פֿרייַע פּראָפֿעסיעס, 193 סאָכרים. הענדלער מיט געבעקס און סאָדע־וואַסער — 63, שניטקרעמער און שנייַדער — 107, טראַנספּאָרט (קימאַט דורכויס באַלעגאָלעס) — 135, באַאַמטע — 80. אַזוי האָט אויסגעקוקט דאָס בילד מיט העכער פֿיר יאָר צוריק, ווען פּעסאַכטיקוואָ האָט געהאַט א באַפֿעלקערונג פֿון 6631 מ. די צאָל הענדלער, שנייַדער, באַלעגאָלעס, באַאַמטע און מיטגלידער פֿון פֿרייַע פּראָפֿעסיעס פֿאַר אַזאַ קליינער באַפֿעלקערונג וואַרפֿט זיך צו שאַרף אין די אויגן. אַרום און אַרום האָט שוין דעמלט די גרויסע מערהייט פֿון דער באַפֿעלקערונג פּעסאַכטיקוואָ ניט געלעבט פֿון אַגריקולטור. צווישן די 45 פּראָצענט פֿון די ניט־אַגריקולטורעל זעלבסטעטיקע האָבן זיך געפֿונען פֿיל מער מישפּאָכע־לייַט, ווי צווישן די 55 פּראָצענט באַשעפֿטיקטע בא אַגריקולטור (לויט דער ציוניסטישער רעכענונג). צווישן די לעצטע געפֿינט זיך שטענדיק א גרעסערער פּראָצענט יונגעלייַט.

אַז איצט איז די לאַגע נאָך ערגער ווי אין 1928, איז קיין פֿראַגע ניט. אַזוי איז די טענדענץ אין גאַנצן „יישעוו" און באַזונדערס פֿון פּעסאַכטיקוואָ און ענלעכע ערטער. די פֿאַררייטים־ספּעקוליאַציע האָט פֿון איין זייַט געווירקט דערויף, אַז מער ערד זאָל זיך קאָנצענטרירן אין די הענט פֿון קולאַקעס, וואָס א טייל פֿון זיי איז רייַך געוואָרן פֿון די געלטער, וואָס באַראָן ראָטשילד, די ציוניסטן און דער גאַנצער „גאָלעס" האָט אַרייַנגעשיקט. פֿון דער אַנדער זייַט האָט דידאָזיקע ספּעקוליאַציע אַרויסגעהאַקט א טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג פֿון דעם קלאַס קאָלאָניסטן אין דעם קלאַס ספּעקוליאַנטן און הענדלער. אַזוי, אַז מע קאָן גאַנץ באַשטימט זאָגן, אַז ניט ווייניקער ווי זעכציק פּראָצענט פֿון דער באַפֿעלקערונג אין פּעסאַכטיקוואָ פֿאַרנעמט זיך ניט מיט אַגריקולטור. „מע דרייט זיך" אַרום קולאַק, אַרום אַראַבער, מע נעמט „באַקשיש" באַם „גאָלעס"— געלט פֿאַר די לערער, פֿאַר ציוניסטישע באַאַמטע, אָדער,— ווי יענע „גאַזאָניצע" אַפֿן ערשטן מאַרק,— מע טראַכט וועגן פֿאָרן צוריק.

— מיט 25 יאָר צוריק,— האָט זי געזאָגט,— בין איך אַהער געקומען, און באַלד געפֿאָרן צוריק אַהיים, קיין לאַטוויע: מיט עלף יאָר צוריק בין איך ווידער געקומען אַהער. ווו נעם איך איצט אַף הויצאָעס?!

אַז פּעסאַכטיקוואָ איז ניט קיין אייַנצלפֿאַל, קאָנען דינען די ציפֿערן פֿאַר רישאָן־לעציאָן, ווו די לאַגע איז פֿיל ערגער. לויטן דערמאָנטן באַריכט, האָבן שוין

אין 1928 צוויי און זעכציק (62) פראָצענט פון די זעלבסטעטיקע אין דער „קאָלאָניע” געלעבט ניט פון אגריקולטור. און דערזעלביקער פראָצעס, וואָס האָט דעקלאסירט געוויסע אגריקולטור־עלעמענטן אין פעסאַטיקוואָ, זינט 1928, האָט געטאָן זײַן ארבעט אויך אין רישאָן. מיר האָבן דערום אין די ביידע „בערג” פון ציִעניססישן היגטערלאנד א באדײַטנדיקן עלעמענט, וואָס דארף ערשט פראָדוקטיוויזירט ווערן...

ניט אין אלע קאָלאָניעס ארום טעלאָוויוו איז דער פראָצענט לופט־מענטשן אזוי גרויס ווי אין די צוויי ערטער. אין די יינגערע קאָלאָניעס גייט עס ערשט אף דעם וועג. עס איז נאָר א פראגע פון צײַט. אָבער וויכטיק איז אויך א קוק צו טאָן, וויאזוי עס האָט זיך אײַנגעאָרדנט דער טייל פון דער באפעלקערונג, וואָס לעבט פון אגריקולטור.

לעבן צו לעבן איז ניט גלײַך. דער פּאַרעך, וואָס הוליעט אין דער גרויסער שטאָט, לעבט פון אגריקולטור, און דער פויער, וואָס דינגט אן אקער לאנד און באָדט זיך אין כוועס, „לעבט” אויך פון אגריקולטור, אין די ציִעניסטישע קאָלאָניעס ארום טעלאָוויוו ווערט געשאפן אלץ א פעסטערער שיכט קולאקעס (צווישן זיי — אביסל געקומענע געלטיקע יידן) און אלץ א גרעסערער שיכט עקספּלואטירטע ארבעטער, וואָס בלאָנקען ארום א היפשן טייל פון יאָר אינגאנצן אָן ארבעט. דער קולאק־קאָלאָניסט באשעפטיקט א צאָל יידישע ארבעטער צוליב צוויי טײַמים. ערשטנס, צו „פארמאכן די מײַלער” און, צווייטנס (אָדער ערשטנס), קעדיי ער זאָל האָבן מיט וועמען צו „אײַנעמען דעם באָדן” — פאר זיך און צו פארטיידיקן זיך פון דעם צאָרן פון רעם פעלאך. דערפאר טוט ער זיי די טוווע און דריקט זיי אראָפּ די סכירעס אלץ נידעריקער אין נאָמען פון „נאציאָנאלע אינטערעסן” און פון אופהאלטן די „יידישע אפעלסין־פראָדוקציע”. דורך אראָפּדריקן די סכירעס פון זײַנע יידישע ארבעטער קריגט דער קאָלאָניסט־קולאק א נײַעם מיטל ווי צו דריקן די סכירעס פון זײַנע אראבישע ארבעטער. און דערנאָך קומט ער ווידעראמאָל צו די יידישע ארבעטער, זיי זאָלן אים העלפן קאָנקורירן... אזוי ווען מיר, אז צוזאמען מיט געשריי „פראָספּעריטי” פאלט אלץ קעסיידער דער פארדינסט פון דעם ארבעטער (ווען דער לאגע פון דעם ארבעטער אין פאלעסטינע און וועגן זײַנע פארדינסטן — באזונדער).

האָבן מיר א גרויסן טייל פון דער באפעלקערונג, וואָס לעבט טאקע פון אגריקולטור און וואָס געפינט זיך אין א ביטערער לאגע. באזונדערס שווער איז די לאגע פון די ארבעטער אין די קוווצעס, און דאָס איז איינע פון די סיבעס פארוואָס עס ציט זיך קעסיידער פון די קוווצעס א שטראָם אנטלויפנדיקע (און אלעמאָל ווערן געבראכט נײַע רעקרוטן פון „גאָלעס”, מיט פרישע קויכעס פארן קולאק). און ארום און ארום האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אן אגריקולטור־געביט, וואָס איין טייל זײַנער לעבט אינגאנצן ניט פון ערד־ארבעט, און אן אנדער טייל מאכט אינגאנצן קיין לעבן ניט פון ערד־ארבעט...

דאָס איז געוועזט ווען די מײסטע קאָלאָניעס אין יודעא, אף דאָרעם און צאָפן פון טעלאָוויוו. אין עימעק, ווו די קאָלאָניזאציע ווערט אָנגעפירט פון קערען קאיעמעס, און ווו עס איז ארײַנגעלייגט געוואָרן נאָענט פון צען מיליאָן דאָלער (לויט

די ציפערן, וואָס די איידזשענסי האָט אָנגעגעבן אין איר ענטפער אף סימפּסאָנס באריכט) איז די לאגע אבסאָליוט א האָפענונגלאָזע.

אפן אָרט פון די צוויי און צוואנציק אראבישע דערפער, וואָס האָבן זיך דאָ פריער געפונען, האָט מען מיט דער הילף פון צען מיליאָן דאָלער געשאפן זעקס און צוואנציק קאָלאָניעס און די „שטאָט“ אפולא. אויך דאָ, ווי אין יודעא, האָבן מיר די טענדענץ פון שאפן אסאך נעמען, קעדיי עס זאָל קלינגען בעסער. פון איין קאָלאָניע ביז דער אנדערער איז דאָ אָפט ניט מער ווי פינף־צען מינוט גאנג (לעמאָשל, פון איען־כאראָד ביז טעל־יאָסעף). פאקטיש געפינען זיך דאָ א פּופצן יישווים מיט 26 נעמען. די קינסטלעכע צעשפּליטערטקייט גיט די קאָלאָניעס קיין געזונט ניט צו. די פארשיידענע טיפּן קאָלאָניעס (פּריוואט־ווירטשאפט מיט געדונגענער ארבעט, פּריוואט־ווירטשאפט אָן געדונגענער ארבעט, קווּצעס, קיבוצים) לאָזט ניט קאָנצענטרירן זיך, שאפט נאָך מער צעשפּליטערטקייט. „שעיך אברעק“, געשאפן פון קערען האיעסאָד אף ערד פון קערען קאיעמעס, האָט ניט מער ווי 44 נעפאשעס—אין אָפיציעלן „וועגווייזער“ פאר טוריסטן. „סאריד“—61 נעפאשעס, מיצרא—77, גיגעגאר—77, סאראָנא—43, געוואט (עקספערימענט־סטאנציע)—13, בעט־שעאָרים—גאנצע צען (10)! און עס איז זייער מעגלעך, אז אָט די צעשפּליטערטקייט, צוזאמען מיט דער טענדענץ, וואָס הערשט אין גאנצן „יישעוו“—אָנלייגן זיך אפן „גאָלעס“, איז די סיבע דערפון, וואָס די ערד אין איימעק ווערט איצט באארבעט ערגער, ווי בעשאס די אראבער זיינען דאָרט געזעסן (לויט דער באשטעטיקונג פון רעגירונג־עקספּערטן). איינע פון די סיבעס פאר דער געוועטעניש פון פעלד־מייז אין איימעק איז, וואָס שטיקער לאנד, פון וועלכע מע האָט אראָפּגעטריבן אראבער, ווערן איצט ניט באארבעט. די סטאטיסטיק פון „דבר“ („המצב הכלכלי בארץ ישראל לראשית 1932“) רעדט וועגן א ווייטערדיקער פארקלענערונג פון פארוויי־שעטעך היינטיקס יאָר.

א געוועזענער כאָלוץ,—איצט אן אויסגעניכטעטער,—וועלכער איז מיט מיר מיטגעפאָרן אין איימעק, האָט אָנגעוויזן אף די ליידיקע פעלדער:

— איך געדענק נאָך, ווי די פעלדער זיינען געווען באארבעט פון אראבער. האָט מען זיך צו זיי א נעם געטאָן און אראָפּגעטריבן. זיינען זיי ווידער געקומען—האָט מען זיי ווידער דערלאנגט!

איצט פלאָדיען זיך אף די פעלדער מייז, און די פעלאכן פון די דערביייקע געביטן מאכן גוואלדן: ניט גענוג, וואָס איר האָט צוגענומען באזעצטע ערד מיט גוואלד, מיט בלוט־פארגיסונגען (איין אראבער איז דערהארגעט געוואָרן און פיל פארוואונדעט), באזאָרגט איר אונדז איצט מיט מייז, וועלכע רויבירן אונדזערע טוועס.

די דערמאָנטע סטאטיסטיק פון „דבר“ דערציילט, אז פון מייז, טריקעניש און אנדערע שלעק איז אין קפאר־באָרוך רויבירט געוואָרן קימאט די גאנצע געוועטעניש, אין מיצרא—פון 80 ביז 90 פּראָצענט, אין גינעגאר—פון 70 ביז 75 פּראָצענט א.א.וו.

איבער די קאָלאָניעס אין איימעק שוועבט אן אומעט. די „שטאָט“ אפולע, וועלכע האָט געזאָלט ווערן דער צענטראלער פּונקט פון איימעק (אהער־צו האָט דער „אמעריקן זייאָניסט קאָמאָנוועלט“ ארייינגעבראָכט א מאיאָנטעק, געוואָלט מאכן דאָ די „משיקאגאָ

פון פאלעסטינע״), האָט איצט פארלאָרן פופציק פאמיליעס פון אירע צוויי הונדערט, און זי צעקריכט זיך ווײַטער.

די „שטאָט״ איז א מוסטער פון ציוניסטישער „פלאנמעסיקער בויונג״. אין צענטער זעט איר א געבײַדע, ווו עס האָט געזאָלט זײַן „דער האָטעל און טעאטער״. און אָט לעבן דעם צענטער איז דער פרײַז אף באָדן ארופגעשרויפט געוואָרן אפן אמעריקאנישן שטייגער. איצט איז דער „צענטער״ א פוסטקע און דער באָדן איז פארווילדעוועט.

אין אן אנדער עק „שטאָט״ (אייגנטלעך—א פעקל כאָטיש-צעוואָרפענע הײַזער אין מיטן פעלד) ווײַזט מען אײַך א געבײַדע מיט פארקלאפטע טירן און פענצטער.

— דאָ האָט געזאָלט זײַן די שווערע אינדוסטריע פון אפולע.

„שווערע אינדוסטריע״...

די „לײַכטע אינדוסטריע״ איז אויך פארטראָטן... מיט א פארקלאפטער געבײַדע. דערפאר פארמאָגט דער אומעטיק-צעוואָרפענער דאָרף גאנצע פיר רעסטאָראנען, איינער לעבן אנדערן...

וואָס איז דער הויפט-אומגליק פון איימעק? דער קאָלאָניסט לײַדט פון דערזעל-ביקער מאקע, וואָס דער אראבישער פעלאך: נ י ט ג ע נ ו ג ל א נ ד. די ערד איז „אן אָרעמע, א באליידיקטע״, ווי א קאָלאָניסט האָט זי געשילדערט. באָדן דארף מען אסאך, קעדיי עפעס ארויסצוקריגן. און האגאם דער קאָלאָניסט באקומט אסאך מער באָדן פונעם אראבער (דער דורכשניט פער קאָלאָניסט איז 130 דונאם, בײַם דער דורכשניט פער פעלאך איז 47 דונאם), איז עס ניט גענוג. ער דארף מער ערד, קעדיי זיך עפעס ארויסצושלאָגן, און די הוצאָעס אף אײַנאָרדענען אים װעלן דעמלט זײַן נאָך ריזיקער, ווי איצט (אין דער קאָלאָניע קפאר-יעכעזקל, אין איימעק, איז ארויסגעגעבן געוואָרן ה ע כ ע ר ע ל ף ט ו י ז נ ט ד א ָ ל ע ר פ ע ר פ א מ י ל י ע!). אָבער נאָך מער אָרט געבן אים טאָר מען ניט, כאָטש דער קערען קאיעמעס האָט ליידיקן באָדן. ווײַל דעמלט וועט מען דאָך צוגעבן, אז דער אראבער דארף אויך מער לאנד— וועט דאָך ארויסקומען, אז עס פעלט באָדן אויך פאר דער איצטיקער באפעלקערונג, און דאָס טויג ניט. דארף מען באווײַזן, אז די ווארבורג-עקספערטן, וועלכע האָבן באשטימט א מינימום פון 240 דונאם פער נאכלע, האָבן... א טאָעס געהאט. נו, „באווײַזט״ מען עס אין איימעק, ווו דער קערען קאיעמעס האָט פולן קאָנטראָל. איז די אָפעראציע טאקע געלונגען, אָבער מיטן פאציענט איז ניט פריילעך.

אָט דאָס זײַנען די טעמפע ווינקלען, אין וועלכע דער ציוניזם איז ארײַנגעטריבן געוואָרן דורך זײַן קאפיטאליסטיש-ספעקולאטיווער און אימפעריאליסטיש-ברוטאלער קאָלאָניזיר-ארבעט אין דעם קליינעם אָרעמען לאנד. אָבער עס איז פאראן נאָך א ווינקל אין דער „קאָלאָניזיר״-ארבעט, וואָס איז ווערט מע זאָל אין אים ארײַנקוקן. דאָס איז—דער געביט פון די קוווצעס.

7

פון די קווּצעס קיין בירָאָבידזשאַן

קומט צו פאָרן א „סאָציאַליסטישער" גאסט—לאָמיר אים רופן וואנדערוועלדע—אָדער קומט צופאָרן א ווארבורג, וואָס איז גרייט צו זען טשיקאווע זאכן,—ווייזט מען אים א קווּצע.

די פּראָפעסיאָנעלע טוריסטן-וועגווייזער האָבן ליב אָנצורופן די קווּצעס: קאָמוניסטישע קאָלאָניעס, איז דער איניען שיר ניט אזוי טשיקאווע, ווי די „קלאגע-מאוער" (די „וואנט"), ווי די יעזוס-געבורט-קירכע אין בייטלעכעם, אָדער ווי דעם הייליקן יאָסעפס סטאָליער-ווארשטאט אין נאזארעט (נעצערעס).

אז דער גאסט איז ניט טאקע א וואנדערוועלדע, אָדער אן אנדערער פון די סאָציאַל-פאשיסטן, זינגט מען אים אוף „לאָמיר אלע איניינעם" אף העברייִש אָדער אן אנדער ליד, און עס איז גאָר פיין. אי עס איז קאָמוניזם, מע לעבט צוזאמען—„אלע גלייך", און אי עס איז באלעבאטיש.

עס איז עמעס, אז דערדאָזיקער טיפּ „קאָמונע", וואָס די פּויאַליי-ציִען פלעגן אמאָל ווערן זייער היסטעריש איבער אים (ד"ר סירקין, לעמאָשל), איז אין פּאלעסטינע ניט קיין שטארק נייע זאך—און ניט נאָר אין פּאלעסטינע. עס זיינען דאָ אזעלכע „קאָמונעס" בא פארשיידענע קריסטלעכע סעקטעס אין קריסטלעכן „גאָלעס" (אויסער „יעזוסעס לאנד", פּאלעסטינע) און עס זיינען אין פּאלעסטינע גופע געמאכט געוואָרן אזעלכע פּרוּוון, אין יערושאָלייִם איז דאָ אן „אמעריקן קאָלאָני", וואָס איז אין 1881 געגרינדעט געוואָרן דורך א טשיקאגער אדוואָקאט, ספּעפאָרד און זיין פרוי. דאָס איז איינע פון אסאך אזעלכע רעליגיעזע (קריסטלעכע) קווּצעס, ווו מע פּראקטיקירט דעם „קאָמוניזם" פון יעזוס און מאריע. און ווען אזא קאָלאָניע גיט זיך איין צו קריגן געניג פּעטע באשטייערונגען פון „גאָלעס" (ווי די „אמעריקן קאָלאָני"), אָרדענען זיך אירע מיטגלידער גאנץ פעט און רויִק איין—מיט אן אייגענעם פּארמעגן, מיט אייגענע קאפּיטאליסטישע אונטערנעמונגען. די ציִעניסטישע קווּצעס, האגאם א טייל פון זיי זיינען שוין „זאט אין יאָרן", האָבן אָבער אזוי פיל מאזל ניט געהאט. צוליב סיבעס, וואָס ווערן ווייטער אָנגעוויזן, געלינגט זיי ניט „אָפּצושטיין" זיך.

דער עלעמענט אין די קווּצעס איז א יונגער, א „אידעאליסטישער"—פאנאטישנאציאָנאליסטישו, אָנשטאָט פּאנאטיש-רעליגיעז, גרייט צו גיין אף „קיבעש האָאווידאָ" (איינעמען די ארבעט פון אראבער). ווער עס פאלט אריין אין היספּיילעס פון אזא עלעמענט, זאָל ער זיך צוקוקן צום יונגווארג, וואָס גייט נאָך היטלערן. אויך קינדער

פון „באַלעבאַטישע מענטשן“, אויך „אידעאַליסטיש“—פאַנאַטיש־נאַציאָנאַליסטיש, און אויך גרייט גיין אַף קיבעש האַאַווּדאָ—אָפּנעמען די ארבעט בא ייִדן...

עס פאַרשטייט זיך פון זיך אַליין, אַז ווען מע רעדט פון די קווּצעס, איז די פראַגע: וואָס איז דער צוועק זייערער? גיבן זיי א גרונט־טאָן דער קאָלאָניזיר־ארבעט, אָדער ווערן זיי אויסגעהאַלטן דורך די בורזשואַזע עלעמענטן אין לאָנדאָן און ניו־יאָרק צוליב באַשטימטע צוועקן? און אויב זיי קאָנען זיך ניט אויסהאַלטן, ניט געקוקט אַף די מיליאָנען, וואָס מע האָט אין זיי אַרײַנגעלייגט, און מע לייגט אין זיי אַרײַן—פאַרוואָס? אויב זיי וואַקסן ניט—און זיי וואַקסן דאָך נ י ט—טאָ ווו קומען אַהין די אַלע כאַלוצים, וואָס מע ברענגט אַף סערטיפיקאַטן?

אַף דער לעצטער פראַגע, ווי אַף די אַנדערע פראַגן, גיבן אַן ענטפער די כאַלוצעס אַליין, די געוועזענע.

איר טרעפט זיי אין טעל־אָוויוו, יערושאָלײַם, כײַפע—די אײנציקע שטעט, אָדער שטעטלעך, פון „ישעוו“. פאַראַן דאָ די אינוואַלידן, די כראָניש־קראַנקע, וואָס מוזן לעבן אַף קיצווע, און פאַראַן אַזעלכע, וואָס זײַנען אַוועק באַצײַטנס, געוואָרן בוי־ארבעטער, מאַליאַרעס, שאָפערס, אָדער גאָר שוואַרץ־ארבעטער.

מע קאָן זאָגן, אַז די מערהײַט ייִדישע ארבעטער אין פאַלעסטינע, וואָס האָבן ניט קיין ספּעציעלע קוואַליפיקאַציע, זײַנען פריִער געווען מיטגלידער פון די קווּצעס.

באַלד באַם אָנקומען אין יערושאָלאַיִם האָב איך געטראָפן איינע אַזאַ—א געוועזענע. זי איז נאָך געבליבן בא אַביסל כויוועס און בא א רעשטל יוגנט. מאַטערט זיך שוין א היפּשע צײַט בא קאָנטאָר־ארבעט און פאַרדינט אַזוי גרויס ווי פיר פונט א כוידעש (אַרום פופצן דאָלער אַפן איצטיקן קורס). דערזען עמעצן פון „דרויסן“, האָט זי אָנגעהויבן ריידן וועגן פאָרן.

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז בא איר א שטענדיקע טעמע, און ניט נאָר בא איר אַליין. פ אָ ר ן. א וו ע ק פ אָ ר ן.

פאַנאַנדערגערעדט זיך. פאַרוואָס אַוועקפאָרן? פייגל—לאָמיר זי רופן פייגל—האָט ניט געוואָלט אַרײַנלאָזן זיך אין קיין שמועס וועגן דעם. זי וויל בעסער הערן, וואָס אַף דער וועלט טוט זיך. מע האָט געזען—א צו אָנגעווייטיקטע טעמע, איר פאַרלאַנג אַוועקצופאָרן.

„ס'איז נישט, ס'איז נישט“—מער האָט מען בא איר ניט געקאָנט אַרויסקריגן, בימלעכווײַז,—דורך אירע אייגענע רייד, דורך אירע באַקאַנטע,—האָט זיך באַקומען אַן ענטפער.

פייגל איז געקומען א באַגײַסטערטע ציִעניסטקע, אָדער כאַלוצקע. זי האָט זיך א כאַפּ געטאָן „בויען דאָס לאַנד“. זי האָט געהאַקט שטיינער אַף די שאָסייען, אונטער דער ברענענדיקער זון. קייכעס האָט זי געהאַט אַסאַך—מיטגעבראַכט פון אוקראַינע. אָבער עס האָט ניט לאַנג געדויערט—די אַנטוישונג האָט אָנגעהויבן טאָטשען ווי א וואָרעם. קלאָר אָפּגעגעבן זיך א רעכענונג, וואָס מיט איר איז פאָרגעקומען, קאָן זי נאָך אַדײַעם ניט. זי איז פאָליטיש ניט שטאַרק אַנטוויקלט. אָבער געזען האָט זי, אַז אירע קייכעס גייען אַוועק אומזיסט. די אַלגעמיינע סיטואַציע—דאָס אַראָפּ־טרײַבן די אַראַבער, דער קאַמף קעגן אַראַבישער ארבעט, דאָס אָרעמע לאַנד, דער

ציִעניסטישער באאמטער מיט זײַנע גרויסע געהאלטן, דער קולאק, דער גאנצער קאפּיטאליסטישער און מענאכעם-מענדלשער כאראקטער פון „ייִשעוו", האָט געווירקט אַף די פייגלס און אַף זייער אסאך אזעלכע, ווי זי, וואָס זײַנען געקומען פארפירטע פון א זינלאָזן געדאנק—בויען קאָמונעס ניט סטאם אין א קאפּיטאליסטיש לאנד, נאָר נאָך אין א אימפּעריאליסטישער קאָלאָניע דערצו.

דעריקער האָט געווירקט אַף אזעלכע געוועזענע כאלוצים דאָס אַראָפּטרײַבן די אראבער. זיי קאָן מען דאָך ניט נארן, ווען מע דערמאָנט זיי, אז די ציִעניסטישע פּראָפּאגאנדע אין „גאָלעס" זאָגט, אז אין פּאלעסטינע איז דאָ פרײַע לאנד, שמייכלען זיי.

זייער אָפּט דארפן די אריבערגעקומענע ניט ווארטן צו לאנג, ביז די אויסניכ-טערונג קומט.

איינע אין טעלאָוויוו האָט דערקלערט:

— ווי מע קומט נאָר אראָפּ פון שיף, ווערט מען אויס ציִעניסטקע.

אָבער דאָס האָט גערעדט א פאַרשטייערן פון די סאמע עקספּלואטירטסטע אין „ייִשעוו"—פון דער ארמיי דינסטמיידלעך, וואָס באשטייט פון די געוועזענע כאלוצקעס.

די ארמיי דינסטמיידלעך—דאָס איז איינע פון די רויִנעס פון די „קוווּצעס", אָפּט א טראגישע דערשײַנונג. געקומען א כאלוצקע—א „גימנאזיסטקע", „סטודענטקע", א „באלעבאטיש קינד"—געקומען „בויען דאָס לאנד". געהאקט שטיינער, געליטן מאליאריִע, זיך אנטוישט. געקומען אין דער „גרויסער שטאָט" טעלאָוויוו. דער וועג פאר אזא מיידל איז צום מייסטן—גיין צו א מעקלערן און קריגן א שטעלע, ווי א הויז-ארבעטערן (בא א ציִעניסטישן באאמטן, בא א קאָרעספּאָנדענט פון ייִדישע צײַטונגען אין אמעריקע און פּוילן, בא א ווײַסן עמיגראנט—א געוועזענער מאָסקווער, אָדער קיִעווער ספּעקוליאנט א.א.וו.). די עקספּלואטאציע איז א שטארקע. איין (1) פונט א כוידעש געהאלט אָדער גאָר קיין געהאלט ניט אויך. קיין שוץ. ווען די מאדאם וויל, מוז מען פארנעמען דאָס פּעקל. אָבער צוריק אין קווּצע גייט מען ניט.

טראגישע פיגורן—פיל פון די הויז-ארבעטערנס. אנדערע זײַנען אוועק אפן וועג פון קאמף—און די לינקע זײַנען שטארק פארטראָטן אין אָט דעם פאך פון עקספּלוא-טירטע ארבעטערנס. און זיי זײַנען אן איידעס, אז ניט נאָר די מאטעריעלע לאגע טרײַבט די כאלוצים פון די קוווּצעס.

אז אין די קוווּצעס לעבט מען שלעכט, פארשפּאָרט מען זאָגן. פאראיאָרן האָבן די „היסטאדרעס" (פּראָפאריינען) צונויפגערופן א צוזאמענפאָר וועגן דער לאגע פון דער ציִעניסטישער אגריקולטור, האָט דאָרט דער פירער פון „שוימער האצאָיר", אָרנשטיין, דערקלערט:

„דער ארבעטער אין דער קאָלאָניע לעבט א ביטער, פינצטער לעבן. עס עקזיסטירט א שטענדיקער געלאף פון דער קאָלאָניע, א געלאף, וואָס באהאלט זיך פון די אויגן פון דער סטאטיסטיק. די סטאטיסטיק זאָגט, אז דער טעגלעכער לוין איז צוואנציק פּיאסטער [1]. אָבער אינדערעמעסן זײַנען פאראן קיבוצים פון ארבעטער אפן לאנד, וווּ די טעגלעכע האכנאָסע פון אן ארבעטער אָדער ארבעטערן איז 5—6 פּיאסטער, און דאָס שטעלט זיי אוועק פאר דער שוועק-

---

[1]) א פּיאסטער איז קארגע פיר סענט.

לעבער עקאָנאָמיק פון דרײַ פיאסטער א טאָג. אין דער קאָלאָניע איז א הונגער, א פיזישע און גײַסטיקע אָפּקומעניש. דער געלאַף שטארקט זיך. עס איז דאָ א גרענעץ צו די מעגלעכקײַטן פון הערױִזם" („דבר", נומער 1842, זײַט 5, ספּעציעלער באריכט פון די דעבאטן).

און אָט איז די סטאטיסטיק פון דער ציוניסטישער אײדזשענסי װעגן די װױנונגען אין די קװוצעס: פון 1735 ארבעטער אין די קװוצעס האָבן 1194 געלעבט מער װי דרײַ אין אײן צימער. פון זײ האָבן 138 געלעבט מ ע ר װ י פ י נ ף א י ן א י ן צ י מ ע ר, 305—מער װי פיר, 751—מער װי דרײַ. („רעפּאָרטס ענד דזשענעראל אבסטראקטס", יול 1931). דער עמעס איז, אז „צימער" איז דאָ א רעלאטיװער װאָרט. אין די מײסטע פאלן האנדלט זיך װעגן צימערן אין באראקן. אין געװיסע פאלן האנדלט זיך עס װעגן בײַדלעך. אזא קװוצע, אָדער קיבעץ, פון בײַדלעך, האָב איך געטראָפן לעבן מאגדיל—א קיבעץ פון קארגע הונדערט יונגעלײַט און מײדלעך, װאָס פארמאָגט אזוי גרויס װי צען דונאם לאנד (דאָס איז ניט קײן װיך: צען דונאם—אײן העקטאר). מוז מען גײן זוכן ארבעט בא די אָרטיקע קולאקעס, װעלכע באנוצן זיך מיט דער שװערער לאגע און דריקן די פרײַזן. בײַם מײַן באזוך האָט פון דעם גאנצן קיבעץ געארבעט א גרופּע פון צען—פופצן. דער גאנצער אײסעק האָט זיך געהאלטן אף היגערשע פיסלעך.

אין בעניאָמינע, א קאָלאָניע, װאָס די „פיקא" [1]) האָט אין 1922 אָפּגעקױפט בא די פריצים אין כײפע און. אקר (עכו) און ארױסגעטריבן פון דעם באָדן „צװאנציק־דרײַסיק" ארבישע פאמיליעס—װי עס זאָגט זיך אין דעם אָפיציעלן ענטפער פון דער „אײדזשענסי" אף סימפּסאָנס באריכט,—איז היינטיקן מײַ צוגעמאכט געװאָרן די אָרטיקע קװוצע. זי איז ניט געװאָרן. עפּעס א רעשטל פון איר האָט מען געבראכט קײן קארקור, און—אויס מיט א קװוצע. די רײד פון א קאָשערן ציוניסט, אז פון די קװוצעס, װי פון צװישן די ארבעטער אין די קאָלאָניעס ביכלאל, קומט פאָר א שטענדיקער געלאַף, איז ניט געװען א האָר איבערגעטריבן. ער האָט אָבער ניט דערקלערט, װיאזוי די קװוצעס עקזיסטירן פאָרט.

די קװוצע איז די ערשטע אכסאניע פאר די יונגעלײַט און מײדלעך, װאָס מאכן דורך די „האכשארא" (צוגרײטונג) אין „גאָלעס" און װערן געבראכט אף די סערטיפיקאטן. דער װעג איז פון שיף צו דער קװוצע. מע קומט מיט באגײַסטערונג און דערװארטונג—מיט א הױכער טעמפּעראטור שאָװיניזם. דאָ מאטערט מען זיך אויס, װער מער און װער װײניקער, און מע טראָגט זיך אָפּ—װער פריער און װער שפּעטער. עס גײט אפילע אזא װערטל אין די קװוצעס: װאָס פריער דו װעסט אָנהײבן, אלץ פריער װעסטו פארטיק װערן. מע דארף אָפּקומען דעם איניען קװוצע. פארשטײט זיך, א קערן איז אָפּט דאָ א שטענדיקער, באזונדערס אין די גרעסערע קיבוצים, װאָס זיצן שוין אין אײגענע הײַזער, האָבן אינסטיטוציעס (דאָ רעדט זיך װעגן די מוסטער־קװוצעס, װי איען־כאראָד, טעל־יאָסעף, װאָס מע װײַזט דעם טוריסט. מע קאָן זײ אָנצײלן אף די פינגער פון אײן האנט). אָבער ארום און ארום איז קלאָר, אז דער עלעמענט אין די קװוצעס איז א פ ל י ס נ ד י ק ע ר. דערפאר, לעמאָשל,

[1]) „פיקא"—„פּאלעסטינישע ייִדישע קאָלאָניזיר־אָרגאַניזאציע" א פירמע, װאָס שפּײַזט זיך נאָך פון באראָן ראָטשילדס פאָנדן.

ווען איך בין געקומען אין דער קוווצע „קיריאַט־האַנאָווים", לעבן ירושלאַיִם, און מע האָט מיר געזאָגט, אַז „איצטער" האָט די קוווצע 65 נעפּאַשעס, איז קלאָר געווען, פאַרוואָס די ציפער שטימט ניט מיט דער ציפער פון דעם ציִעניסטישן „וועגווײַזער", וועלכער זאָגט, אַז דאָ געפינען זיך 101 נעפּאַשעס... די קוווצע זיצט אין דעם „בעסערן" געביט פון די יעהודע־בערג, אַף מײַלן פון ירושאָלײַים. אָבער עס איז ניטאָ איר וואָס מעקאַנע צו זײַן. געגרינדעט איז זי געוואָרן אַף דעם שטייניקן באָדן אין 1919. די ציִעניסטישע קאַסע טראָגט קעסיידער אונטער געבײַדעס, מאַשינעס, פּראָדוקטן, געלט. דער אַרומפירער האָט געזאָגט, אַז אין זעקס יאָר אַרום וועט מען נעמען אויסצאָלן. אָבער ער איז געווען אַ גרויסער אָפּטימיסט, מיט אַ ווײַטן קוק...

צוליב דער שטענדיקער פליסיקײַט פון דעם עלעמענט אין די קוווצעס, דאַרף עס די ציִעניסטישע אָרגאַניזאַציע אַלץ נײַע סערטיפיקאַטן. דער „גאָלעס" מוז צושטעלן די קוווצעס פרישע בלוט, אַניט גייען זיי אויס. מיט דער הילף פון די סערטיפיקאַטן דאַרף מען אויך אַרײַנקריגן נײַע עלעמענטן צום עקספּלואַטירן. עס איז ווי מיט דער שוויק־סיסטעם אין די שעפּער אין ניו־יאָרק, וועלכע האָט מיט יאָרן צוריק עקזיסטירט אַפן שטראָם „גרינע", אימיגראַנטן. אַזוי שנעל ווי אַן אימיגראַנט האָט זיך „אויסגעגרינט", האָט מען אים אַוועקגעשיקט, אָדער ער איז אַליין אַוועק, און מע האָט אַרײַנגענומען נײַע „גרינע". אין דער קוווצע „גרינט" מען זיך אויס, און אָפט זייער שנעל.

ניט יעדע אַנטוישונג פון די קוווצע־מיטגלידער ברענגט דערווײַל אַנטוישונג אין ציִעניזם. דער עלעמענט איז אַ פאַנאַטיש־נאַציִאָנאַליסטישער, ווערט צוגעקליבן אין „גאָלעס" און „אויסדערווײלט" פאַר זײַן שאַרפן נאַציִאָנאַליזם. און די ציִעניסטישע פירערשאַפט שפּילט קעסיידער אַף דער ראַסן־סטרונע, אַפן קאַמף קעגן אַראַבער. דאָ שפּילט די הויפּט־ראָלע די „היסטאַדרעס", מיט איר קאַמף פאַר קיבעש האַאַווידע (אײַנעמען די אַרבעט פון אַראַבער). אַסאַך לויפן אין שטאָט אַרײַן „בויען דאָס לאַנד" דורך אַנדערע פאַרנאָסעס. אַ טייל שאַפן זיך קליינע פּריוואַט־באַלאַגאַנען אין קאָלאָניע, ווערן טאָג־אַרבעטער „פאַר־זיך" און וואַרטן ביז מע וועט זיי באַזעצן אַף ערד. עס איז דאָ אַזאַ זאַך, ווי „התישבות אלף" (היטישוועס עלעף—באַזעצן טויזנט פאַמיליעס). שוין זעקס יאָר, אַז מע רעדט אַזוי וועגן „באַזעצן טויזנט" און מע האַלט אַזוי אַן אוילעם „אַפן שטריקל".

אָבער עס איז דאָ אַן עלעמענט אין די שטעט, וואָס האָט זיך ניט נאָר אַנטוישט אין דער קוווצע און איז אַריבער אַף „פּריוואַט־לעבן", נאָר האָט זיך אויך אַנטוישט אין ציִעניזם. דער עלעמענט איז אַ באַדײַטנדיקער, און ער וואַקסט קעסיידער. די, וואָס זײַנען געווען אין די קוווצעס טאַקע דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך געלאָזט אײַנריידן פון די פּויאַלײ־ציִען, אַז אַף אַזאַ אויפן—און „נאָר" אַף אַזאַ אויפן—וועט מען „בויען סאָציִאַליזם", זײַנען ביטער אַנטוישט. פון די עלעמענטן מיט סאָציִאַל־פּאָליטישן באַוווסטזײַן שאַפן זיך די קאַדרען פאַר דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. איבעריק צו זאָגן, אַז אַלע איצטיקע ייִדישע קאָמוניסטן אין פּאַלעסטינע, סימפּאַטיקער פון קאָמוניזם און פון סאָוועטנפאַרבאַנד, זײַנען אין זייער מערהײַט געוועזענע ציִעניסטן, געוועזענע כאַלוצים (קיין אַנדערע זײַנען דאָך ניט געפאָרן קיין פּאַלעסטינע). דאָס האָט „דער ציִעניזם בא דער אַרבעט" די עלעמענטן אויסגעניכטערט.

עס זײַנען פֿאַראַן אַסאַך טויזנטער אײַנוווינער פֿון „יִשעוו״, וואָס זײַנען גרייט צו אַנטלויפֿן, ווען מע לאָזט נאָר ערגעץ אַרײַן, און ווען זיי קריגן נאָר אַף הוצאָות. מע רײַסט זיך צו פֿאָרן קיין ביראָבידזשאַן. די קאָנטאָר פֿון „סאָוטאָרגפֿלאָט״ אין יאַפֿע און דער סאָוועטישער קאָנסול אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל (איסטאַנבול) ווערן פֿאַרוואָרפֿן מיט ביטעס פֿון פּאַלעסטינער אײַנוווינער, וואָס ווילן פֿאָרן אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד. אין דער אַטמאָספֿערע פֿון טעראָר, וואָס הערשט אין פּאַלעסטינע, האָבן זיך געפֿינען צוויי הונדערט, וואָס האָבן זיך רעגיסטרירט צו פֿאָרן קיין ביראָבידזשאַן. פֿיל פֿון די רעגיסטרירטע האָבן פֿאַרזיכערט, אַז ווען די גרופּע וועט אַרויספֿאָרן, וועט באַלד געשאַפֿן ווערן אַ גרעסערע גרופּע. לויט זייער דערקלערונג איז דאָ צום ווייניקסטן אַ פּאָר טויזנט באַלאָנים אַף פֿאָרן קיין ביראָבידזשאַן.

אָבער דער באַגער צו פֿאָרן האָט צו טאָן ניט נאָר מיט דער מאַטעריעלער לאַגע פֿון די קוווצעס. דאָ שפּילט אַ גרעסערע ראָלע די אַלגעמיינע לאַגע פֿון דעם „יִשעוו״, זײַן גאַנצער עקאָנאָמישער כאַראַקטער, די פֿאַרשאַרפֿטע סיטואַציע — אין פֿאַרבינדונג מיט דער טריקעניש, מיטן קאַמף פֿאַר ערד און פֿאַר אַרבעט און מיט דער ביטערער לאַגע פֿון דעם ייִדישן אַרבעטער אין פּאַלעסטינע בִּכלל.

דער ארבעטער אין פּאַלעסטינע

איינע פון די אנטדעקונגען, וואָס איר מאכט אין פּאַלעסטינע, זײַנען די באַראַקן. וו די אָרעמשאפט וווינט—זאכן, וואָס די ציִעניסטישע קאָרעספּאָנדענטן האָבן ביז איצט גראָד ניט באשריבן.

די פרוי פון א ציִעניסטישן באאמטן אין טעל־אָוויוו, ווען מיר האָבן שוין דער־מאָנט, האָט וועגן די באראקן געהאט אן אָפּטימיסטישע מיינונג:

— וואָס פעלט דעם ארבעטער בא אונדז? טאָמער האָט ער ניט אף א גוטער דירע, נעמט ער און מאכט זיך א באראק, און וווינט זיך דאָרטן. פּאַלעסטינע איז א ווארעמע מעדינע.

די מײַסע איז נאָר, וואָס בא אן ערעך פופציק פּראָצענט פון אלע ייִדישע ארבעטער אין פּאַלעסטינע „מאכט זיך", אז זיי וווינען אין באראקן—וואָס „נעמען זיך" און „וווינען זיך" ניט אזוי לײַכט אין דער זייער ווארעמער מעדינע.

וואָס פארדינט אן ארבעטער אין פּאַלעסטינע?

טשענסעלאָר, דער געוועזענער ענגלישער הויך־קאָמיסאָנער, דערציילט אין זײַן באריכט:

די סכירעס צווישן לאנד־ארבעטער זײַנען:

	ייִדן		אראבער	
קוואליפיצירטע	25—35	פיאסטער	15—25	פיאסטער [1]
ניטקוואליפיצירטע	20	„	8—12	„
פרויען	15	„	5—8	„
קינדער	8—10	„	5—8	„

אין שטאָט—אין פאבריקן, ווארשטאטן און בא בוי־ארבעט—זײַנען די סכירעס אזעלכע:

	ייִדן		אראבער	
קוואליפיצירטע	35—60	פיאסטער	35—60	פיאסטער
ניטקוואליפיצירטע	25—35	„	20—30	„
פרויען	10—20	„	7—10	„
קינדער	5—10	„	5—10	„

[1]) א פיאסטער איז קארגע פיר טענט.

ווי מע קאָן דערפון זען, האלט עס ניט אזוי הויך מיט די סכירעס פון דעם ארבעטער אין פאלעסטינע. 25 פיאסטער א טאָג (ווייניקער פון א דאָלער) אָדער 35 איז ניט קיין מאיאָנטעק. ביפראט, אז דאָ האנדלט זיך וועגן די סכירעס פאר קוואַליפיצירטע ארבעטער. אָבער ארייַנגיין אין די ציפערן געגויער לוינט זיך ניט, ווייַל זיי זייַנען גאָרניט ווערט. דער קאָמיסיאָנער באוואָרנט זיך אפילע דערמיט, וואָס ער ווייַזט אָן, אז אין פאלעסטינע הערשט א טענדענץ אף שנייַדן סכירעס, אָבער די מייַסע איז, וואָס די ציפערן גיבן לאכלוטן קיין באגריף ניט סיי וועגן די סכירעס פון דעם ארבעטער אין פאלעסטינע און סיי וועגן זייַנע פאקטישע פארדינסטן.

אין דעם קאפיטל וועגן די קוווּצעס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, ווי א פירער פון „שוימער האצאָיר" האָט אָנגעוויזן, אז אין דער סטאטיסטיק שטייט געשריבן, אז דער לאנד־ארבעטער פארדינט צוואנציק פיאסטער א טאָג, אָבער אינדערעמעסן פארדינט מען אזוי נידעריק, ווי 5—6 פיאסטער. יידישע ארבעטער אפן לאנד, וואָס זאָלן פארדינען 35 פיאסטער א טאָג, זייַנען א זעלטנקייַט. דער געוויינלעכער פארדינסט איז 17 מיט א האלבן פיאסטער (די מייסטע ערד־ארבעט רעכנט זיך פאר ניטקוואליפיצירטער). 15 פיאסטער איז אויך א טאָג סכירעס. און דערפון קאָן מען שוין פארשטיין, אז אראבער, פרויען און קינדער פארדינען גאָר ווייניק.

אין שטאָט פארדינט א בוי־ארבעטער צווישן 20 און 25 פיאסטער א טאָג (צווישן 80 סענט און א דאָלער). קוואליפיצירטע ארבעטער—דרוקער, לעמאָשל,—פארדינען צווישן 30—35 פיאסטער א טאָג. דער פארדינסט פון ארבעטערנס איז אסאך נידעריקערער. אין דעם „גיגאנט" פון דער אינדוסטריע אין טעלאָוויוו, „לודזיע" (שטריקערייַ), ווו עס זייַנען באשעפטיקט ארום 150 ארבעטער, מייסטנס פרויען, זייַנען די סכירעס אזוי נידעריק, ווי פינף—זעקס פיאסטער א טאָג (20—24 סענט). א שוועסטער אין א פריוואטער קליניק אין טעלאָוויוו פארדינט אזוי גרויס ווי דרייַ פונט א כוידעש (ווייניקער ווי צוועלף דאָלער) מיט עסן און וועש. די צוועלף דאָלער דארפן באצאָלן פאר דער דירע, קליידונג, פארווייַלונג, צייַטונגען א.א.וו.

פון די ציפערן (וועגן דעם יידישן ארבעטער) איז קלאָר, אז די לאגע פונעם ארבעטער אין פאלעסטינע איז א שלעכטע. אין פאלעסטינע, ווי אין פוילן, איז דאָס לעבנמיטל, ביפראט דירעס, פיל ביליקער ווי, לאָמיר זאָגן, אין בערלין אָדער ניו־יאָרק (אף קליידונג), אָבער וואָס קומט דערפון ארויס, אז מע פארדינט ניט.

נאָר דאָס איז נאָך ניט די גאנצע צאָרע. די זאך איז, וואָס אויך די ציפערן זאָגן ווייניק. די פראגע איז: מיט וואָס קריגט דער ארבעטער אין פאלעסטינע באצאָלט, און ווען ער ארבעט, ווי פיל כאדאָשים אין יאָר ארבעט ער?

אין פאלעסטינע קריגט מען ניט אלעמאָל באצאָלט אינדערצייַט און ניט אלעמאָל—מיט געלט. דאָ הערשט אָפט די פאטריארכאלישע באציִונג פון דעם אלטן שטעטל: דער באלעבאָס „ווארפט ארייַן" עטלעכע פיאסטער, ווען ער האָט געלט (אָדער ווען ער נעמט אראָפ די האנט פון הארצן). און אזוי ווי „מיר" זייַנען דאָך אָבער עפּעס פאָרט מאָדערנע מענשן, גיט מען אָפט—קוויטלעך. פארשטייט זיך, אז קויפן קאָן מען פאר זיי מייסטנס גאָרניט (אמאָל איז דער קרעמער געצוווּנגען

אָנצונעמען א קוויטל—דערפאר רעכנט ער טײַערער). די קוויטלעך דארף מען ערשט אײַנמאָנען.

געדענקען דארף מען, אַז אין פאלעסטינע האָבן מיר צו טאָן מיט א „אינדוסטריע" פון קליינע באַלמעלאָכעס, געטאָ-ווארשטאטן. אין אלע „שטעט" אין פאלעסטינע זײַנען פאראן זעכצן טויזנט יידישע לוין־ארבעטער, און פון זיי גייט אראָפּ א גרויסער פראָצענט באַאמטע און דינער. פון אלע לוין־פארדינער אין ירושאָלײַים מאכן די באַאמטע אויס 31 פראָצענט, און באַדינער, מייסטנס דינסטמיידלעך, 23 פראָצענט. און אזוי־ווי ארום און ארום זײַנען אין ירושאָלײַים פאראן פינף טויזנט לוין־פאר־דינער, קומט אויס, אַז ארבעטער זײַנען פאראן ניט מער ווי א פּאָר טויזנט (א טייל לוין־ארבעטער געהערט צו די פרײַע פראָפעסיעס). אין טעלאָוויוו איז דער פראָצענט באַדינער קלענער (14), דערפאר איז גרעסער דער פראָצענט באַאמטע (33) און מיטגלידער פון פרײַע פראָפעסיעס.

מיר האָבן צו טאָן מיט הײַפלעך ארבעטער, וואָס זײַנען צעוואָרפן איבער קליינע ווארשטאטן. דער באַלעבאָס אליין, ווי דער באַלמעלאָכע אין אלטן שטעטל, „דרייט זיך". ער לײַט, ער באָרגט, ער גיט א וועקסעלע, און דעם ארבעטער גיט ער— א קוויטל. געוויסע „אונטערנעמונגען" ווערן אָנגעפירט פון עטלעכע פעריזאָן בעשוטפעס, וואָס אָט זײַנען זיי ארבעטער און אָט זײַנען זיי אונטערנעמער (צום מייסטן ווערט עס פּראַקטיקירט אין בוי־פאַך, ווו א גרופּע ארבעטער נעמט אָן א פּאָדראד). אזעלכע ארבעטן געוויינלעך ווי די שוואַרציאָרן, לויפן ארום זוכן א האַלבן פונט (קאַרגע צוויי דאָלער) אף „מאַטעריאַל"—מיר אליין איז אויסגעקומען בײַזײַן בא אזא פאַל— און עקספּלואַטירן זייערע ארבעטער ווי עס „דארף" זײַן. אַז עס קומט צום באַצאָלן די סכירעס, איז ניט פריילעך.

אין טעלאָוויוו האָב איך געטראָפן אזא מין דרוקער־„קאָאָפּעראַטיוו" פון עטלעכע שוטווים, ווו מע האָט אין סאָף מײַ נאָך ניט געהאַט געצאָלט קיין סכירעס פאר אַנהייב אפּרעל.

וואָס פאר א פּראָצענט ארבעטער עס ווערט אָנגערירט פון די „קוויטלעך", איז שווער צו זאָגן. דערפאר איז שוין לײַכטער צו זאָגן, וואָס פאר א פּראָצענט ארבע־טער עס ווערט אָנגערירט פון כ ר אָ נ י ש ע ר א ר ב ע ט ל אָ ז י ק ײַ ט.

נו, געוויס: ציוניסטן ריידן פון פּראָספּעריטי,—עלעהיי מע רעדט וועגן פרײַען באָדן אין פאלעסטינע! אָבער דער פאַקט איז, אַז ד ע ר פ ר אָ צ ע נ ט א ר ב ע ט ע ר, וואָס א י ז ש ט ע נ ד י ק ב א ש ע פ ט י ק ט, א י ז ז י י ע ר א ק ל ײ נ ע ר. טשענסעלאָר זאָגט אין זײַן באַריכט (זײַט 99), אַז לויט די ציפערן פון דער איידזשענסי זײַנען נאָר א ײ ן א ו ן ד ר ײַ ס י ק (31) פ ר אָ צ ע נ ט פ ו ן ד י י י ד י ש ע ל א נ ד ־ א ר ב ע ־ ט ע ר ש ט ע נ ד י ק ב א ש ע פ ט י ק ט. אָבער דאָס איז אַן אָפּטימיסטישע ציפער, האַגאַם א געוויס קלאָגעדיקע.

אין די קאָלאָניעס הערשט א י צ ט א גרויסע ארבעטלאָזיקײַט, זומער־צײַט. אין דעכוויוועס האָב איך ארום די טאָדע־וואסער־קרעמלעך געטראָפן ארבעטלאָזע, וועלכע האָבן אפן קאָל געטרוימט וועגן „א טאָג ארבעט". איך האָב געטראָפן ארבעטלאָזיקײַט אין די קוווצעס. און דאָס איז זומער־צײַט. ווינטער איז די לאַגע אַן אויסערסט שווערע. א טאבעלע פון דער קאָלאָניע נעס־ציוינאַ דערציילט וועגן דעם, אַז אין

די כאַדאָשים נאָיאַבער, דעקאַבער (1931) און יאַנוואַר (1932) איז די „נידעריקסטע" צאָל אַרבעטלאָזע געווען—83 פראָצענט פון אַלע אַרבעטער. אין נאָיאַבער האָט די צאָל אַרבעטלאָזע דערגרייכט העכער 91 פראָצענט!

ניט קיין סאַך בעסער האַלט עס אין שטאָט. מע זוכט „אַ טאָג אַרבעט" איצט, אין דעם סעזאָן פון בוי־פאַך. מע שלאָגט אָפּ די שוועלן פון דער אַרבעט־ביוראָ פון דער „היסטאַדרעס" אַלעמאָל. אין ווינטער־צײַט איז פיל ערגער. די דערקלערונג פון „דבר" (אָרגאַן פון „היסטאַדרעס"), אַז עס איז ניטאָ קיין אַרבעטלאָזיקייט אין פאַלעסטינע, האָט דעמזעלביקן ווערט, ווי ענלעכע דערקלערונגען פון גרין און מעטין וואָל מיט אַ יאָר—צוויי צוריק [1].

אויב מע זאָל אַפילע אָנעמען די ציפערן פון דער איידזשענסי, אַז 69 פראָצענט פון אַלע יידישע אַרבעטער אין די קאָלאָניעס זײַנען נאָר טיילווײַז באַשעפטיקט, פרעגט זיך: וואָס שטערט זיי צו קומען אין שטאָט און געניסן פון דער „פראָספּעריטי"? שטרעקעס אין פאַלעסטינע זײַנען זייער קליינע. פון קאָלאָניע קאָן מען זייער לײַכט צושפאַצירן אין שטעטל אַרײַן. און דער אַרבעטער פון קאָלאָניע איז סײַווי זייער אָפט אין טעלאָוויוו (אָדער כייפע, אָדער יערושאָלײַים).

נאָכאַמאָל: דער געשריי וועגן פראָספּעריטי האָט פונקט אַזאַ ווערט, ווי דער געשריי, אַז עס איז דאָ פרײַער באָדן. דער פאַקט איז, אַז די פּאָליטיק פון די ציִעניסטן (און די היסטאַדרוטניקעס ווערן דאָך אָפט פראָקלאַמירט, ווי די „בעסטע ציִעניסטן") באַזירט זיך אַף אַרבעטלאָזיקײַט!

דאָס האָט צו טאָן מיט „קיבעש האָאַווידע" (אײַנעמען די אַרבעט פון אַראַבער). וויִאַזוי קאָנקורירט מען אויס דעם אַראַבישן אַרבעטער? נאַציִאָנאַלע געפילן איז ניט גענוג. מע דאַרף דעם קולאַקישן קאָלאָניסט און דעם פאַבריקאַנט געבן אין בײַטל אַרײַן. טשענסעלאָר דערציילט אונדז, אַז די טענדענץ אין פאַלעסטינע איז צו שנײַדן די סכירעס. דאָס איז זיכער ניט קיין רעזולטאַט פון „פראָספּעריטי". דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דער אַרבעטלאָזיקײַט און פון דעם ראַסן־קאַמף קעגן אַראַבישן אַרבעטער.

די ציִעניסטישע ליניע (און די ליניע פון „האַסטאַדרוס") איז: דער יידישער אַרבעטער טאָר ניט פאָדערן צופיל. אויב יאָ, וועט דער יידישער אונטערנעמער באַשעפטיקן אַראַבער אָדער די „יידישע אינדוסטריע" וועט ניט קאָנען עקזיסטירן. דערבײַ אָבער שטעלט מען זיך ניט אָפּ. ווען מע קוועטשט אַראָפּ דעם יידישן אַרבעטער די סכירעס אין נאָמען פון „נאַציִאָנאַלע אינטערעסן" (ריכטיקער: גרעסערע פראָפיטן), קומט מען דערנאָך צום אַראַבישן אַרבעטער און מע קוועטשט אים אויך אַראָפּ די סכירעס. דערנאָך גייט מען ווידעראַמאָל צום יידישן אַרבעטער אין נאָמען פון „נאַציִאָנאַלע אינטערעסן"...

פון 1925 ביז איצט איז דער טעגלעכער פאַרדינסט פון דעם אַראַבישן אַרבעטער געפאַלן גלײַכצײַטיק מיטן פאַרדינסט פון יידישן אַרבעטער. אַפן לאַנד פאַרדינט דער

---

[1]) גרין און מעטין וואָל—פּאָרזיצער און וויצע־פּאָרזיצער פון דער געל־פאַשיסטישער „אַמעריקן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר" (אַלגעמיינע אַרבעט־פעדעראַציע). זיי האָבן אַ שטיק צײַט, שוין נאָכן קראַך פון 1929, געהאַלטן אין איין דערקלערן, אַז קיין אַרבעטלאָזע אין אַמעריקע זײַנען ניטאָ.

אַראַבישער אַרבעטער 8—10 פּאַמטער אַ טאָג, אָנשטאָט 12—15. און מע קומט נאָך און מע זאָגט, אַז מע הייבט דעם סטאַנדאַרט פון אַראַבישן אַרבעטער...

אין פּאַלעסטינע הערשט קימאַט דורכויס שטיק־אַרבעט, וועלכע דינט ווידער די אינטערעסן פון עקספּלואַטאַציע. פאַר איבערשטונדן באַצאָלט מען ווי פאַר געוויינלעכע שטונדן (אַז מע באַצאָלט). אין די פאַכן, וווּ די קאָנקורענץ צווישן יידישן און אַראַבישן פאַבריקאַנט איז אַ גרויסע (שאָכטלען, זייף, די דערמאָנטע לודזיע־פאַבריק, וועלכע זוכט באַהערשן דעם מאַרק), קומט פאָר פון ביידע זייטן אַן אָנראַכמאָנעסדיקע לוין־פאַרקירצונג אין נאָמען פון דער „נאַציאָנאַלער אינדוסטריע". די פאַבריקאַנטן פאָכען מיט דער פאָן, סטראַשען איין אַרבעטער מיטן אַנדערן, און — מאַכן געשעפט. און דעם אַרבעטערס לאַגע ווערט אַלץ ערגער.

נו, אַז מע דאַרף אַ גאַנץ יאָר לעבן אויף די קלאָגעדיקע סכירעס, וואָס מע פאַרדינט נאָר אַ טייל פון יאָר, איז בעסער ביז גאָר! ווערט איר טרעפן אין כייפע, לעבן ציוניסטישן טעכניקום, אַ גאַנצע מאַכנע באַראַקן, וווּ עס וווינען אַרבעטער, — באַראַקן, וווּ זומער איז צו הייס און ווינטער איז צו קאַלט. אין טעלאַוויוו איז די לאַגע ערגער, ווייל דאָרט קאָסטן דירעס טייערער, צוליב דער אָרטיקער ספּעקולאַציע. איז ווידער באַראַקן אויפן הייסן זאַמד. און פאַר אַן אַרבעטער־פאַמיליע איז גאָרניט אַזוי לייכט איינצושאַפן זיך אַ באַראַק. אַ באַראַק פון צוויי צימערן דאַרף קאָסטן 45—50 פונט, און דאָס איז אַזאַ מאַיאָנטעק, וואָס אַפילו אַ פּריווילעגירטער אַרבעטער קאָן אין מעשעך פון יאָרן ניט אָפּשפּאָרן. איז מען פאַרשולדיקט, קאַרגט מען פון עסן, גייט די פרוי וואַשן וועש בא יענעם, אַפילו ווען דער מאַן אַרבעט, אָדער טאָן הויז־אַרבעט בא יענעם.

אַ גרויסער פּראָצענט אַרבעטער איז ניט פאַרהייראַט, ווייל עס איז ניטאָ מיט וואָס זיך „איינצואָרדענען" (האָגאָם די ציוניסטן אַגיטירן זייער שטאַרק פאַר וואָס גרעסערע פאַמיליעס). אַזעלכע יונגעלייט און מיידלעך וווינען צו דריי, פיר, פינף און זעקס אין אַ צימער.

מיר האָבן שוין איבערגעגעבן די אָפיציעלע סטאַטיסטיק וועגן דעם, ווי די אַרבעטער אויפן לאַנד וווינען. דיזעלביקע — אָפיציעלע — ציפערן זאָגן, אַז פון אַלע אַרבעטער אין פּאַלעסטינע וווינען 1886 מער ווי צו פינף אין איין צימער, 2170 — מער ווי צו פיר אין איין צימער, 5374 — מער ווי צו דריי, 5792 — מער ווי צו צוויי. 1388 — מער ווי צו אָנדערהאַלבן, 2600 — מער ווי צו איינעם אין איין צימער („רעפּאָרט ענד דזשענעראַל סטאַטיסטיקס" פון דער אייד זשענסי, יול 1931). דאָ האָבן מיר אַ סאַכאַקל פון קימאַט דעם גאַנצן יידישן „פּראָלעטאַריאַט" אין פּאַלעסטינע (נאָר 128 האָבן פאַר זיך מער ווי צו איין צימער; 4492 האָבן ניט געענטפערט אויף דער אַנקעטע).

מע קאָן נאָר איבערכאַזערן די ווערטער פון דעם פירער פון „שומער האַצאַיר", אָרנשטיין, וועלכער האָט כאַראַקטעריזירט דאָס לעבן פון די יידישע אַרבעטער אין די קאָלאָניעס: אַ ביטער, פינצטער לעבן, אַ פיזישע און גייסטיקע אָפּקומעניש. דאָס איז ריכטיק בענעגייע דער סאַמע גרעסטער מערהייט יידישע אַרבעטער.

עס זיינען פאַראַן הייפעלעך פּריווילעגירטע אייגענע מענטשן אין די קאָנטאָרן פון דער היסטאַדרעס, וועלכע קאָנטראָלירט געוויסע אַרבעטן (פון ציוניסטישע

אינסטיטוציעס א.א.וו.). יעדער היסטאדרעס־פירער האָט ארום זיך אזעלכע מענטשן — פּריווילעגירטע ארבעטער, וואָס קריגן בעסער באצאָלט, ארבעטן א לענגערע צייט אין יאָר אָדער זיינען שטענדיק באשעפטיקט. אפילו אזעלכע לעבן נישט אין קיין צו גרויסער פּראָספּעריטי, אָבער בעסער איז זיי יאָ. פונדעסטוועגן, אז עס מאכט זיך א זייטיקע הויצאָע, אָדער ווען מע פארלירט די ארבעט, איז שלעכט.

אין כייפע האָט מען מיר געוויזן אף א פּריווילעגירטן ארבעטער, וואָס איז ביז נישט לאנג צוריק געווען באשעפטיקט בא דער רוטענבערג־סטאנציע. איצט האָט ער נישט קיין ארבעט, און ווען ער קריגט נישט קיין „באקשיש" פון „גאַלעס"—הילף פון א קאָרעוו אין אמעריקע, וואָלט ער נישט געהאט מיט וואָס איבערצוקומען (כאָטש „באקשיש" איז אין דער מאָדע אין פּאלעסטינע. ס'הייסט: איך בין אן ערעץ־יסראָעל־ייִד—שיק מיר געלט...).

וואָס טוט די „היסטאדרעס" צו דערדאָזיקער לאגע?

טיילווייז האָבן מיר שוין געזען, וואָס זי טוט: זי טוט פארערגערן די לאגע דורכן ראסן־קאמף, וואָס זי העלפט אָנפירן. אָבער וועגן דער וואקכאנאליע פון „יידישער ארבעט", וואָס בושעוועט אין פּאלעסטינע, און וועגן דער היסטאדרעס מוז גערעדט ווערן באזונדער.

9

דער היטלעריזם אין פּאַלעסטינע

אין פּאַלעסטינע האָבן זיך איצט א שאָט געטאָן א סעריע געריכטן. געריכטן קעגן יידישע ארבעטער, וואָס ווילן ניט אַף „קיבעש האַאַווידע" (אָפּנעמען די אַר־בעט בא אראַבער).

א געריכט אַף ארבעטער אין נעס־ציוינאַ; א געריכט אין קפאר־סאבא, אין מאגדיל, אין פּעסאכטיקווא. דאָס איז ערשט אַן אָנהייב. דער פייער טראָגט זיך פון קאָלאָניע צו קאָלאָניע, ווייל יידישע ארבעטער, פּארפירטע פון ציעניזם, כאלוצים, הייבן אָן אייַנזען, וואָס פאר א שוידערלעכע שפּיל עס איז דער קאמף קעגן אראַבישן ארבעטער,— א שפּיל, ווו עס געווינט נאָר דער אונטערנעמער, און א שפּיל, וואָס פירט צו זייער ניט קיין גוטן סאָף.

וועגן דער וואקכאנאליע קעגן אראַבישער ארבעט אין שטאָט, באזונדערס אין טעלאָוויוו, האָבן מיר שוין דערמאָנט. עס איז אָבער נייטיק דעם איניען וואָס מער צו אונטערשטרייַכן, ווייל דאָ קומט פאָר עטוואָס שוידערלעכס!

נאָכאמאָל: אזא „סוויי דאָ סווענאָ" (אָן אייגענער צו אייגענע) איז ניט געזען געוואָרן אפילע אין פוילן, אין די ערגסטע צייטן פון דער „ארבעט" פון „ראָזוווי".

אויב אפן געביט פון אויסטרייבן דעם אראַבישן פעלאך פון זיין באָדן זוכן די ציעניסטן דעם איניען צו פארשווייַגן, אָדער—אין „גאָלעס"—אפילע צו פארלייקענען, ווערט דער „קיבעש האַאַווידע" אָנגעפירט גאַנץ אָפן.

אין דעם ביכל, וואָס דער קערן האיעסאָד טיילט אויס טוריסטן, זאָגט זיך (זייט 5):

„נאָר דער קערען האיעסאָד גאראנטירט יידישע ארבעט אף הונדערט פּראָצענט". דאָ בארימט מען זיך מיט די קאָנטראקטן, וואָס מע מאכט מיט די קאָלאָניסטן, ווען מע פארדינגט ערד,— אז זיי טאָרן ניט באשעפ־טיקן קיין אראַבישע ארבעטער. אין דער העברייאישער פּרעסע, באזונדערס אין „דבר", אָרגאַן פון דער „היסטאדרוט" (פּראָפאַריינען), ווערט געפירט טאָג־טעגלעך א העצע קעגן „פרעמדער ארבעט" (די אראַבער זייַנען, הײַסט עס, פרעמדע אין פּאַלעסטינע...)

אָט געפינען מיר, לעמאָשל, דעם 8־טן מיי, אזא שטיקל נייַעס אין „דבר":

„באיזה קרח אתם משתמשים? (מיט וואָס פאר אַן אייַז באנוצט איר זיך?)".

און עס גייט אוועק א געשיכטע, וואָס דארף

„אורפורעין דאָס הארץ פון יידישן קאָהאָל, באזונדערס פון די ארבעטער, מע זאָל שטארק פאָ־דערן אין יערן רעסטאָראַן און וואסער־בודל יידישן אייַז. געמאכט אין די פאבריקן פון טעל־אָוויוו".

וואָס הייסט „שטאַרק פֿאָדערן"? אַף דעם האָבן זייער קלינגענדיק געענטפֿערט די גלעזער און שויבן, אין די רעסטאָראַנען און וואַסער־ביידלעך. טאָג נאָך טאָג האָט זיך אין טעלאָוויוו געקאָכט מיט „יידישן אײַז". יידישע אַרבעטער, וואָס זײַנען געווען באַשעפֿטיקט דורך די פֿאַבריקן אין יאַפֿע אַף אַרײַנפֿירן אײַז אין טעלאָוויוו, זײַנען צעשלאָגן געוואָרן. עס זײַנען געווען געשלעגן, אַרעסטן, און — „יידישער אײַז" האָט געזיגט.

דעם 15־טן מײַ דערצײלט דערזועלביקער „דבר" אַ געשיכטע פֿון פּעטאַכטיקוואָ: בײַ צוויי קאָלאָניסטן (עס ווערן אָנגעגעבן די נעמען) „עובדים זה כמה שבועות פּועלים ערבים ואינו מוחה" (אַרבעטן שוין עטלעכע וואָכן אַראַבישע אַרבעטער, און עס ווערן ניט אָנגענומען קיין מיטלען).

מיטלען האָט מען גראַדע „יע אָנגענומען. ווי דער „דואר היומים" (טעגלעכע צײַטונג אין ירושלים) האָט אָפֿן איבערגעגעבן, האָט מען די אַראַבישע אַרבעטער פֿאַרטריבן מיט גוואַלד, נאָכדעם ווי מע האָט בײַ זיי אַרויסגעריסן די רידלען פֿון די הענט. דאָס שטיקל נײַעס אין „דבר" איז געווען דער סיגנאַל פֿאַר די מיטלען.

אַזוי טאָג נאָך טאָג. די פּרעסע, מײַן „דבר" בעראָש, איז פֿול מיט דער קאַמפּאַניע קעגן אַראַבישער אַרבעט. אַן אָפֿענער באָיקאָט. אַ וואַקכאַנאַליע. יעדן טאָג עפּעס אַנדערש. און די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטישע פּרעסע שווײַגט ניט, פֿאַרשטייט זיך. זי דרוקט איבער פֿון „דבר" און די אַנדערע צײַטונגען, וואָס יענע שרײַבן, און זי פֿאָדערט אַ באָיקאָט אַף יידישע סכוירעס. אָבער די העברעיִשע פּרעסע שרעקט זיך דערפֿאַר ניט אָפּ און זעצט פֿאָר די העצע. ווונדערט איר זיך: וווּהין טרײַבן די ציוניסטן?

אין „גאָלעס" האָבן די ציוניסטן אײַנגערעדט דעם עולם, — באַזונדערס די אַרבעטער און די אויסערלעכע וועלט, — אַז זינט די געשעענישן פֿון 1929 האָט מען אויפֿגעגעבן דעם כּיירעם אַף „אַראַבישער אַרבעט". ניט נאָר וואָס הייבט זיך ניט אָן, נאָר. פֿאַרקערט: אַזאַ כּיירעם, ווי עס ווערט איצט אָנגעפֿירט אין גאַנץ פּאַלעסטינע קעגן „אַראַבישע אַרבעט", איז אַפֿילו פֿאַר 1929 ניט געוועזן געוואָרן!

דער כּיירעם ווערט געפֿירט אומעטום. עס איז אַ „הייליקער קריג". פֿון אַפּולע (אין איימעק) האָב איך מיטגענומען אַן אָנדענק — אַ מוידאָע, וואָס איז אויסגעהאַנגען וועגן דער „מילכאָמע קעגן פֿרעמדער אַרבעט". דאָרט וואָרנט מען יעדן איינעם, וואָס וועט ברעכן דעם כּיירעם, אַז מע וועט אים באַקעמפֿן מיט אַלע מיטלען. און אַפּולע איז אַ פּאַרוואָרפֿענער העק. ערשט אין טעלאָוויוו בושעוועט דער „הייליקער קריג" ווי געהעריק.

אין דער אָנפֿירערשאַפֿט פֿון דער ווילדער שאָוויניסטישער מילכאָמע קעגן אַראַבישער אַרבעט שטייט, ווי געזאָגט, די „היסטאַדרוס" (געווערקשאַפֿטן) און דער סאָציאַל־פֿאַשיזם בכלל. דאָס דאַרף גוט געדענקען די אַרבעטער, וואָס פֿילן שוין אַף זייערע רוקנס די קאַמפּאַניע פֿון די אַמעריקאַנישע שאָוויניסטן קעגן „פֿרעמדער אַרבעט" (דעטרויט און אַנד.). און דאָס דאַרפֿן געדענקען די יידישע אַרבעטער פֿון פּוילן: די „אַרבעט" פֿון דער „היסטאַדרוס" אין פּאַלעסטינע שפּילט דער „ראָזוווי" אין די הענט אַרײַן.

די „היסטאדרעס" שפילט א שענדלעכע ראָלע — א צוויי־פּנעמדיקע ראָלע. אין צווייטן אינטערנאַציאָנאַל פעלן ניט די זאָאָלאָגישע נאַציאָנאַליסטן, אָבער ביים אזעלכע שאָוויניסטן, ווי די פּע־פּע־עס, אין פּוילן, טוען זייער אנטיסעמיטישע ארבעט אָפן, האָבן די היסטאדרעניקעס צוויי פּנעמער: איינעם פאר דער וועלט, פאר אמעריקע, א צווייטן פאר פאלעסטינע. [1])

איינער פון די מוסטערהאפטע טיפּן פון דער פירערשאפט פון דער היסטאדרעס איז בען־גוריען. פונקט ווי ער זוכט זיך צו פארשטעלן, ווען ער קומט קיין אמעריקע נאָך געלט, אזוי איז ער פרעך — אָפן אין פאלעסטינע.

אין אָנהייב מארט היינטיקס יאָר האָט בען־גוריען דערקלערט אף א זיצונג פון „אסיפאס האניוואַרים" (א מין יידישער פארלאמענט), אז ווער עס באשעפטיקט אראבישע ארבעטער, איז פונקט ווי ער וואָלט געהאלטן א שאנדהויז.

צווישן די ארבעטער אין פאלעסטינע גייט ארום דער אויסדרוק פון מויל צו מויל. דער „דבר" האָט זיך געשעמט צו באריכטן די ווערטער, אָבער דער „האָרעץ", אן אנדער טעגלעכע צייטונג אין טעלאָוויוו, האָט די ווערטער איבערגעגעבן, האגאם אין א פארווייכערטער פאָרם („לא יתכב הדבר הזה, כמו שלא יתכב הדבר שבאחת המושבות היהודיות יקימו היהודים בית זנות" — „הארץ" פון 10־טן מארט, זייט 3).

דערזעלביקער בען־גוריען, צוזאמען מיט אנדערע פירער, האָבן דערקלערט פארן ענגלישן „סאָציאַליסט" ברייליספאָרד, אז די „היסטאדרעס" פירט ניט קיין קאמף קעגן אראבישער ארבעט און אז, פארקערט, די „היסטאדרעס" זוכט צו אָרגאניזירן די אראבישע ארבעטער אויך. אזוי האָט בערל קאצענעלסאָן, רעדאקטער פון „דבר", אויך געשריבן אין לאָנדאָנער „ניו לידער" נאָך די געשעענישן אין 1929. דערפאר האָט מען פאראיאָרן, אף דער אגריקולטור־קאָנפערענץ פון דער „היסטאדרעס", צוגעדריקט די פירער צו דער וואנט (אין נאָמען פון „ריינער יידישער ארבעט"), און בען־גוריען האָט דערוף אָפּגעגעבן אזא דערקלערונג:

„אני אומר שאינ לנו כל עניג מיוחד בעבודה מאורגנת בארצ, אינ לנו כל עניג מיוחד במשטר סאָציאליסטי ובקומונה בארץ, אם נושאיהם, יוצריהם ומגשימיהם לא יהיו הפעלים העברים. לא באנו הנה לארגן את מישהוא, לא באנו הנה להפיץ בין מישהוא את הרעיון הסוציאליסטי, באנו הנה להקים מולדת לעם היהודי. בלי עבודה עברית אין לנו ענין בארץ ישראל ובאורגן ובמשטר סאָציאליסטי. לפני כל ותנאי לכל — עבודה עברית. נקודת המוצא של תנועתינו — היא במלחמה על עבודת עברית".

(„איך זאָג, אז מיר האָבן ניט קיין באזונדערן אינטערעס אין אָרגאניזירטער ארבעט אין לאנד, אז מיר האָבן ניט קיין באזונדערן אינטערעס אין א סאָציאַליסטישער אָרדענונג און א קאָמונע אין לאנד, אויב זייערע טרעגער און באשעפער וועלן ניט זיין די יידישע ארבעטער. מיר זיינען ניט געקומען ווערן עס איז אָרגאניזירן, מיר זיינען

[1]) דאָ איז וועגן איבערצוגעבן א רעכענונג וועגן דער מיטגלידערשאפט פון דער היסטאדרעס. זי „האלט", אז זי האָט בא זיך 30 טויזנט מיטגלידער. אזוי־וי אָבער דער „דבר" קאָן מער ווי 22.895 מיטגלידער אין גאנצן „יישעוו" — איינגעשלאָסן יוגנטלעכע! — ניט אָנציילן, רעכנט זי צו די... פּ ר ו ע ן פון די ארבעטער, — נאָך 7183, — קומט שוין אויס 30,078... („דבר" פון 19־טן מיי) אויך דעראָזיקער מין באקן ציפערן כאראקטעריזירט די „אויסערגעוויינלעכע" ראָלע פון דער „היסטאדרעס".

ניט געקומען אהער צו פארשפרייטן צווישן וועמען עס איז דעם סאָציאַליסטישן געדאנק.

מיר זײַנען געקומען באשאפן א יידיש פּאָטערלאנד. אָן יידישער ארבעט האָבן מיר ניט קיין אינטערעס אין ערעץ־ישׂראָעל אין אָרגאניזירטער ארבעט און אין א סאָציאַליסטישער אָרדענונג. פריער פאר אלץ און ווי א באדינג פאר אלץ איז—יידישע ארבעט. דער אויסגאנג־פונקט פון אונדזער באוועגונג איז די מילכאָמע פאר יידישער ארבעט".—ציטירט פון „דבר", נום. 1843, זייט 3).

דער אָרט דערלויבט אונדז ניט צו ציטירן נאָך א גאנצע ריי פערל פון די רעדעס פון בען־גוריען און אנדערע פירער פון דער „היסטאדרעס". דאָס האָבן גערעדט קאָנסעקווענטע ציוניסטן. א „יידישע מעלוכע" אין פאלעסטינע פאָדערט אן אויסראָטונג־קאמף, א כיירעם אף „אראבישער ארבעט". און דאָ איז געזאָגט געוואָרן גאנץ אָפן: פלאפלט ניט וועגן אָרגאניזירטער ארבעט, וועגן פארשפרייטן דעם סאָציאַליסטישן געדאנק. מיר זײַנען קוידעמקאָל, און „ווי א באדינג פאר אלץ— ציוניסטן. „דער אויסגאנג־פונקט פון אונדזער באוועגונג איז — די מילכאָמע פאר יידישער ארבעט".

דאָס האָט גערעדט דער „היטלעריזם אין פאלעסטינע, נאציאָנאַל־„סאָציאַליזם". עס האָט גערעדט—אויסראָטונג—„סאָציאַליזם". איבעריק צו זאָגן, אז דאָ ווערט נאָר געמיין פארשוועכט דער באגריף „סאָציאַליזם", אז דאָס דאָזיקע וואָרט ווערט נאָר באנוצט, קעדיי צו פארשטעלן די אייגענע זאָאָלאָגיש־נאציאָנאַליסטישע שטרעבונגען, אויסראָטונג־שטרעבונגען.

און אָט די מילכאָמע, וואָס בען־גוריען האָט פראָקלאמירט, קומט פאָר מיט דער גאנצער שארפקײַט. עס קומט פאָר אן אָפענער כיירעם, א העצע, א ראסן־קאמף. די לופט איז פול מיט פולווער.

האָבן א טייל יידישע ארבעטער געזאָגט: גענוג, מיר שפּילן ניט ווײַטער מיט אין דער געפערלעכער שפּיל. אין נעס־ציוינאָ האָבן די לינקע געווינען די אָרטיקע ארבעטער־פארוואלטונג און דערקלערט א קאמף קעגן „קיבעש האָאווידע". האָט מען מאָבילייזירט די פאשיסטן פון דער „האגאנא" (באוואָפנטע ציוניסטישע אָפּטיילונג) און אנדערע קעגן די ארבעטער פון נעס־ציוינאָ. קעגן די ווידערשפעניקע האָט מען אָרגאניזירט א מישפעט. בען־גוריען „אליין" איז געקומען אָנקלאָגן. ארבעטער פון טעלאָוויוו זײַנען געקומען די „זינדיקע" פארטיידיקן — און האָבן אוועקגעשטעלט אין דער גאנצער ברייט די אוואנטיורע פון „קיבעש האָאָרעץ" (ארויפטרײַבן אראבישע פויערים פון זייער באָדן) און „קיבעש האָאווידע". דער סאָף איז געווען, אז ניט נאָר וואָס מע האָט די ווידערשפעניקע נעס־ציוינע אויסגעשלאָסן פון דער „היסטאדרעס" און צוגערויבט בא זיי דעם ביסן ברויט, נאָר אויך די פארטיידיקער זייערע האָט מען אויסגעשלאָסן...

אזוי איז מיט די אנדערע מישפאָטים: מע שליסט אויס, מע נעמט אָפּ דאָס שטיקל ברויט, מע פארפאָלגט מיט אלע מיטלען—עס בושעוועט די „הייליקע מילכאָמע".

און איינער פון די מיטלען פון דער „היסטאדרעס" איז העלפן אראָפּדריקן די סכירעס פון די יידישע ארבעטער, קעדיי מע זאָל קאָנען אויסקאָנקורירן די אראבישע

ארבעטער. אז אָרגאניזירן אלע ארבעטער צוזאמען טויג ניט—אין דעם האָט די „היסטאדרעס" קיין אינטערעס ניט. קלאסן־קאמף איז טרייף. די „היסטאדרעס" איז קעגן שטרײַקן. מע טאָר ניט שטערן די „נאציאָנאלע אינדוסטריע". אָבער שטרײַקן דערפאר, וואָס מע באשעפטיקט אראבישע ארבעטער,— דאָס יע (אין כייפע זײַנען געווען צוויי אזעלכע שטרײַקן).

דער כיירעם האָט זיך אזוי פארשארפט, אז אין „האָארעץ" פון 24־טן מײַ האָט איינער, קאלווארסקי, אָפּגעדרוקט א לאנגן בריוו, ווו ער פרעגט: סטײַטש, גיט איר טראכט, צו וואָס דאָס קאָן פירן, ווען די אראבער אָרגאניזירן א באָיקאָט, שרײַען מיר, אָבער ווען מיר פירן א טאָג־טעגלעכע מילכאָמע, א כיירעם, איז רעכט? (דער בריוו האָט פארשטייט זיך, געהאט אלערליי דרײדלעך און „אָבערס").

דער ענטפער אף דעם בריוו, וואָס דער רעדאקטער פון „האָארעץ", גליקמאן, האָט געגעבן, איז כאראקטעריסטיש: וואָס גלײַכט איר אונדז צו זיי? מיר מעגן און זיי טאָרן ניט! (פארשטייט זיך, אזוי איינפאך האָט ער עס ניט געמאכט).

די וואקכאנאליע פאר „יידישער ארבעט"—דער אָפענער כיירעם איז נאָך א שײַטל האָלץ אונטער פײַער פון ראסן־האס, וואָס דער ציוניזם און דער אראבישער נאציאָנאליזם צינדן איצט אין פאלעסטינע. די וואקכאנאליע זאָגט אונדז, אז **דער ציוניזם טרײַבט צו נײַע געשעענישן, טרײַבט באוווסטזיניק.**

10

וואָס דער אראבער קריגט פון ציִעניזם

דער אראבישער דאָרף מאכט א פײַנטלעכן אײַנדרוק. שילדערן אזא דאָרף איז א שווערע זאך. איר קאָנט דאָ קוים אָנווענדן די ווערטער „גאסן", „הײַזלעך". פאראן געצײלטע „רײַכערע" דערפער, ווו די „וווינונגען" האָבן נאָך אן ענלעכקײַט צו הײַזער. די מײסטע דאָרפישע וווינונגען זײַנען אזעלכע לײמענע הײַזלעך פון פארשײדענע פאָרמעס, ריכטיקער — אָן א שום פאָרמען. פּאָשעט — א נאָרע פאר דער פאמיליע. א שטיקל הײפל דערבײַ איז שוין א לוקסוס־זאך. די נאָרעס זײַנען אָנגע־לײגט אײנע אָן דער אנדערער, הײבן זיך אײנע איבער דער אנדערער. צווישן זײ דרײען זיך אזעלכע קאָרידאָרן — געסלעך. סײַדן, ווען אײן גרופּע „וווינונגען" האקט זיך איבער, און ביז די אנדערע גרופּע הײבט זיך אָן, שאפט זיך אזא מין „פּלאץ". און אַלץ צוזאמען טראָגט אָפט א מין בלאָטע־קאָליר, דאָ און דאָרטן אָפּגעקאלופּעט, אָדער נאָר פארוואנדלט אין כורוועס.

פון סאניטארישע באדינגונגען, פון וועלכע עס איז סימאָנים פון וווינונג־טעכניק קאָן, פארשטײט זיך, קײן רײד ניט זײַן. ס'איז דער אלטער דאָרף פון פאר הונדערט אָדער טויזנט יאָר צוריק. און פּונקט אזוי „לעבט" דער בעדויִנער (וואנדערנדיקער אראבער) ווי מיט דורות און דורות צוריק — אין פּאלאטקעס פון שמאָלע פּלאכטעס אָדער שטרוי. און עס פארשטײט זיך, אז דער קאָנטראסט צווישן דעם אראבישן דאָרף און דער ציִעניסטישער קאָלאָניע, ווו עס איז ארײַנגעלײגט געוואָרן גרויסע קאפּיטאלן, איז זײער א שארפער.

ניט אײנמאָל האָט שוין א ציִעניסטישער שרײַבער מיט פרײד אָנגעוויזן אף דעם קאָנטראסט צווישן דעם אראבישן דאָרף און דער קאָלאָניע. און — לויט דער אלטער טעאָריע פון יענעם פּרעסער, אז „א פיש האָט ליב, אז מע בראָט אים אין פּוטער" — איז אויסגעבויט געוואָרן די טעאָריע, אז דער פעלאך און דער בעדויִנער ווילן גאָר אנדערש ניט לעבן, קאָנען גאָרניט אנדערש. אזוי טראכט יעדער קאָלאָניזאטער וועגן דער באפעלקערונג אין „זײַן" קאָלאָניע. אזוי טראכט דער שקלאפן־טרײַבער וועגן „זײַנע" שקלאפן.

אז די אראבישע פעלאכן, וועלכע באארבעטן זײערע פעלדער אויסגעצײכנט, אָפט בעסער ווי די ייִדישע קאָלאָניסטן, „קאָנען" אויך לעבן אין גוטע וווינונגען, האָבן באוויזן יענע גרופּעס קריסטלעכע אראבער, וועמען די קריסטלעכע קירכע האָט צוליב א י ר ע מאָטיוון געהאָלפן שאפן א פּאָר קאָלאָניעס לעבן ירושלים (ארום „בעטער", לעמאָשל). דאָס זײַנען אויסגעצײכנטע, ציכטיקע ערטער, וואָס מאכן א בעסערן אײַנדרוק, ווי די דורכשניטלעכע ציִעניסטישע קאָלאָניע.

עס איז גאָר איבעריק צו באַווייַזן, אַז אין דעם אומגליקלעכן לעבן פון דעם פעלאַך און בעדויִנער איז—ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיטן רוסישן פויער—שולדיק דער דעספּאָטישער רעזשים פון הונדערטער און טויזנטער יאָרן. אין דער רעזשים ווערט פאָרגעזעצט. דער פעאָדאַליזם איז געבליבן. דער פאָרעק זויגט אויס דעם דאָרף. און אָפן אָרט פון דעם אַלטן טערקישן רעזשים איז געקומען די אימפּעריִאַליסטישע הערשאַפט, וועלכע היט אָפּ די טערקישע געזעצן, ווי הייליקייַטן, און האָט נאָך צום טייל די לאַגע ערגער געמאַכט: שטייַערן צאָלט דער פעלאַך אַצינד מער, ווי בייַם דער טערקישער הערשאַפט.

דער אַראַבישער פעלאַך האָט ניט קיין שום מעגלעכקייַטן צום לעבן. רענטע און שטייַערן און פּראָצענטן אויף זייַנע כויוועס נעמען בא אים אָפּ צו זייַן גאַנצע פּראַצע. ער בלייַבט נאָכאַמאָל הינטערשטעליק. לויט א רעגירונג־אויספאָרשונג קריגט דער פעלאַך פון הונדערט דונאַם—לאָמיר געדענקען: הונדערט דונאַם באָדן—א האכנאָסע פון צוואַנציק פונט א יאָר (דערפון גייט נאָך אַראָפּ אַרבעט־קראַפט, אויב ער דאַרף דינגען הילף באַם אַראָפּנעמען פון די פעלדער). די הויצאָע פון א פאַמיליע איז, לויט די אָנגאַבן פון די פעלאַכן גופע, זיבן און פערציק (47) פונט א יאָר. די רעגירונג האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז... צופיל, האָט זי באַשטימט די הויצאָע פער פאַמיליע אויף מיר און דרייַסיק (34) פונט א יאָר. אפילע לויט דער רעכענונג פעלט דעם אַראַבישן פעלאַך אויף א געמאַטערט, אומגליקלעך לעבן קימאַט א העלפט. אָבער דאָס איז גערעדט געוואָרן, ווען ער האָט הונדערט דונאַם באָדן. ווען די אויספאָרשונג איז געמאַכט געוואָרן (די קראָסבי־אויספאָרשונג), האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פעלאַך האָט א דורכשניט פון זיבן און פופציק (57) דונאַם באָדן, און די דורכשניטלעכע האכנאָסע זייַנע איז דערום עלף (11) פונט א יאָר!...

און אויף „לעבן" דאַרף ער 47 פונט לויט דער דאָרף־רעכענונג און 34 פונט—לויטן רעכענונג פון דער רעגירונג.

דער רעזולטאַט איז, אַז דער פעלאַך האָט ניט קיין מעגלעכקייַטן צום לעבן (דאָ האָט זיך אַלץ גערעדט וועגן דורכשניט. דער אָרעמערער פעלאַך „פּאַרדינט", הייסט עס, נאָך ווייניקער פון עלף פונט א יאָר!). ער באָרגט, ער איז האָפּענונגלאָז, פאַרטרונקען אין כויוועס—דער פּראָצענטניק נעמט דורכשניטלעך דרייַסיק פּראָצענט—און עס ווערט אים אַלץ ערגער. זינט דער דערמאָנטער אויספאָרשונג איז דער דורכשניט פון דעם באָדן פון אַראַבישן פעלאַך פאַרקלענערט געוואָרן אויף צען דונאַם—47 אַנשטאָט 57.

און אין דער פאַרערגערונג פון דעם אַראַבערס לעבן, סייַ אין דאָרף און סייַ אין שטאָט, האָט דער ציוניזם א דירעקטע האַנט.

איינע פון די לעגענדעס, וואָס די ציוניסטן פאַרשפּרייטן אין „גאָלעס", איז, אַז דער אַראַבער געניסט פון דער ציוניסטישער טעטיקייַט, זייַן סטאַנדאַרט הייבט זיך. אָבער אין פּאַלעסטינע שעמען זיך די ציוניסטן ניט צו ריידן גאַנץ אָפן, אַז יעדע אויסבעסערונג אין דעם לעבן פון דעם אַראַבער איז א קלאַפּ פאַרן ציוניזם!

עס איז מיר אַרייַנגעפאַלן אין האַנט אַרייַן א רעדע, וואָס אוסישקין, דער הויפּט פון ציוניסטישן „נאַציאָנאַל־פאָנד", אָדער קרן קימת (די „היסטאַדרוסניקעס" האַלטן, אַז דאָס איז גאָר א „סאָציאַליסטישער" פאָנד!), האָט פאַראַיאָרן געהאַלטן פאַר די

לערער פון די ציוניסטישע שולן אין פּאַלעסטינע. ער האָט גערעדט וועגן דער געפאַר, וואָס די אויסבעסערונג פון דער אראבישער לאַנדווירטשאַפט איז פאַרן ציוניזם.

> „עס איז געגרינדעט געוואָרן א געזעלשאַפט צו פאַרקויפן קינסטלעכע באַמיסטיקונג,—האָט אוסישקין געזאָגט.—די געזעלשאַפט האַלט אויס א שטאַב אַגראָנאָמען, וואָס פאָרן פון דאָרף צו דאָרף און לערנען דעם פעלאַך באַמיסטיקן זיין פעלד, און דעם קינסטלעכן מיסט גיט מען אים אויף קרעדיט און אויף גרינגע צאָלונגען. דאָס איז אַוודאי א שיינע און פּראָגרעסיווע זאַך, און דער אראבער, וואָס ערשט נעכטן האָט אים די ערד קימאַט גאָרניט אריינגעבראַכט, האָט זיך איצט אויסגעלערנט די קונסט פון פרוכטבאַר מאַכן זיין פעלד, און זיין האַכנאָסע וועט וואַקסן פון יאָר צו יאָר. און עס איז פאַרשטענדלעך, אז אויף חיפּל די באַדינגונגען פון דער לאַנדווירטשאַפט פאַרבעסערן זיך, אויף אַזויפיל ווערן אַלץ מער און מער שווערער די באַדינגונגען פון אויפקויפן דעם באָדן. כוץ דעם ווערט צווישן די אראבער געפירט א שטאַרקע באַוועגונג פאַר אַן אַגראַר־באַנק סיי פאַרן פעלאַך און סיי פאַרן עפענדי (פּאָריץ). אויב דאָס זאָל פאַרווירקלעכט ווערן, וועלן די באַדינגונגען פון אויפקויפן ערד ווערן נאָך שווערער". (אונטערגעשטראָכן פון מיר—פּ. נ.).

אוסישקינס שרעק, אַז די אראבישע לאַנדווירטשאַפט זאָל, כאָלילע, ניט אויסגעבעסערט ווערן, איז געווען אַן אומזיסטע. אָבער דער מיין איז קלאָר: וואָס ערגער דעם אראבער—אַלץ בעסער. ווען ער טרינקט זיך אין נויט, האָט ער ניט אָפּט מיט וואָס צו פאַרזייען זיין שטיקל ערד, בלייבט עס ליידיק (הערבערט סעמיועל האָט אין זיינעם א באַריכט אָנגעוויזן אויף אַזעלכע פאַלן)—קאָן מען אָנווייזן, אַז עס איז דאָ „פרייער באָדן", קאָן מען קומען צום פּאָריץ און די ערד קויפן, קאָן מען קומען צום פעלאַך און א ווייז טאָן אים עטלעכע פונט, ער זאָל אַוועק פון זיין באָדן. וואָס ערגער דעם אראבער—אַלץ בעסער פאַרן ציוניזם. און דער ציוניזם טוט אַלץ, אַז דעם אראבער זאָל ווערן אַלץ ערגער.

עס איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן, אַז דער ציוניזם האָט מיט דער הילף פונעם געלד, וואָס די פּריצים האָבן געקראָגן (פּריצים אין אויסלאַנד, ווי די סורסוקס) און מיט דער הילף פונעם באַיאָנעט שוין קימאַט אינגאַנצן אַרויסגעטריבן דעם אראבישן פעלאַך פון די טאָלן. דער אראבער ווערט געטריבן אין די פרוכטלאָזע בערג. קריגן אַרבעט ביים קאָלאָניסט איז אים שווער, אָפּט אוממעגלעך. דער „נאַציאָנאַל־פאָנד" גיט דעם קאָלאָניסט באָדן מיטן טנאי, אַז קיין אראבישע אַרבעטער זאָלן ניט באַשעפטיקט ווערן. די פּריוואַטע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן ניט אַזעלכע קאָנטראַקטן, ווערן געצוווּנגען צו באָיקאָטירן אראבישע אַרבעט דורך אַנדערע מיטלען (דורך דער „נאַציאָנאַלער" העצע, אָדער דורך דער ציוניסטישער באַנק, וועלכע זאָגט זיך אָפּ צו געבן אים קרעדיטן, אָדער מע שניידט אים אָפּ פון יעדער הילף). וואָס זאָל דעמאָלט דער אראבער טאָן? פיל פון אַזעלכע דעקלאַסירטע אראבער גייען אַוועק אין שטאָט זוכן אַרבעט, אָבער דאָ שטויסן זיי זיך אָן אויפן אַנדערן אָרעם פון ציוניסטישן אָנגריף—„קיבעש האַאַוואָדע", מע גיט אים ניט קיין אַרבעט!

דער ציוניסט מאַכט דאָ אָפּט אַן אומשולדיקע מינע און זאָגט: פאַרוואָס מוזן מיר אים געבן אַרבעט? זאָל ער גיין צו זייניקע! אָפּגערעדט פון דעם ווערט פון אַזאַ טייַנע גופע, איז זי אָבער ניט אַזוי איינפאַך. דער פּוילישער אַנטיסעמיט זאָגט

אָפּט דאָס אײגענע צום ייִדישן אַרבעטער. אָבער ווי זאָל דער ייִדישער אַרבעטער קריגן אַרבעט, בײַס די פּויליִשע טרעסטיפיצירטע פאַבריקאַציע, וואָס קריגט הילף פון דער רעגירונג, שטופּט אַרויס דעם ייִדישן קלײן־פאַבריקאַנט פון מאַרק?

אָט דאָס פּאַסירט אין פּאַלעסטינע. די אַראַבער האָבן פון שטענדיקע יאָרן געהאַט א זײף־אינדוסטריע, וואָס איר צענטער איז אין נאַבלוס (שכם). איז געקומען די ציִוניסטישע שעמען־פאַבריק אין כײפע—וועלכע איז איצט, אַגעוו, א ריין ענגליש־קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונג—און האָט צעשמעטערט די אַראַבישע זײף־אינדוסטריע. אין נאַבלוס אַרבעטן פון 120 זײף־קעסלען נאָר—30. טאָ ווי זאָל דער אַראַבישער אַר־בעטער דעמלט גײן אַרבעטן, ווען אין דער שעמען־פאַבריק נעמט מען אים ניט אַרײַן?

דער אַלגעמײנער עקספּאָרט פון דער פּאַלעסטינישער „אינדוסטריע" איז אין 1931 געפאַלן אויף 23 פּראָצענט (און מע רעדט וועגן „פּראָספּעריטי"!). אָבער דער אַראַבישער טײל פון אָט דעם עקספּאָרט איז געפאַלן אויף גאַנצע צוויי און פערציק (42) פּראָצענט!

דער ציִוניסטישער פאַבריקאַנט, מיט דער הילף פון אַלע מיטלען, וואָס דער „גאָלעס" שטעלט אים צו, און מיט דער הילף פון דער עקספּלואַטאַציע פון דעם ייִדישן אַרבעטער, אין נאָמען פון דער „נאַציאָנאַלער אינדוסטריע", דערשלאָגט די אַראַבישע קלײן־אַרבעט. עס איז א קאַמף פון אײן קלײנעם פאַבריקאַנט קעגן א צווייטן, אָבער אײנער האָט אויף זײַן זײַט מאַשינעס, קרעדיטן, דעם גאַנצן ציִוני־סטישן און אימפּעריאַליסטישן אַפּאַראַט (אָפּגערעדט פון די גרעסערע פאַבריקן—שעמען, נעשער, לודזיע און ראָטשילדס מילן, ווי ייִדישער גרויס־קאַפּיטאַל קלאַפּט אַרויס דעם אַראַבישן באַלמעלאָכע), און דער צווייטער האָט זײער ווייניק.

דער קרײַז פון לעבנמעגלעכקײַטן פאַרן אַראַבישן האָרע־פּאַשניק ווערט אַלץ שמעלער. די העצע קעגן אַראַבישן אַרבעטער, ווי שוין אָנגעוויזן, נעמט אָן די ווילדסטע פאָרמעס. עס ווערט געפירט קעגן אַראַבער אַן אויס־ראָטונג־קאַמף. דער צוועק איז אַן אָפענער: אַרויסטרײַבן דעם אַראַבער פון פּאַלעסטינע אָדער אויסראָטן אים, ווי די אינדיאַנער זײַנען אויסגעראָטן געוואָרן אין אַמעריקע.

פאַרשטײט זיך, אַז דאָס קאָן זיך ניט אײַנגעבן—ניט דאָס ערשטע און ניט דאָס צווייטע. די אַראַבישע באַפעלקערונג וואַקסט קעסיידער, און זי ווערט אַלץ מער קאַמף־לוסטיקער. דער האָרעפּאַשניק פירט דאָ א קאַמף פאַר זײַן עקזיסטענץ.

דער „באַנדיטיזם" אין פּאַלעסטינע—ווי דער „באַנדיטיזם" אין ניקאַראַגוּאַ און אין כינע—האָט א סאָציאַלן אונטערגרונט, און איז א קאַמף קעגן אויסראָטער. דער ברענענדיקער צאָרן פון די מאַסן דאַרף אָרגאַניזירט ווערן—דאָס איז אַן אַנדער איניען, אָבער אין דעם איצטיקן מאָמענט זײַנען די באַנדיטן־אָנפאַלן בלינדע אַקטן פון א מאַסע, וואָס ווערט געטריבן צום אונטערגאַנג.

די וועגן אין פּאַלעסטינע זײַנען ניט זיכער. דער שאָפער, וואָס האָט מיר געפירט פון קאַרקור צו דער סטאַנציע כעדערא, האָט אויסגעקליבן א זײַטיקן וועג, האַגאַם דער וועג האָט געפירט דורכן טיפן זאַמד. עס איז דאָ א בעסערער וועג,—האָט ער דערקלערט,—אָבער יענער איז „ניט זיכער". מיט א צײַט צוריק האָט אויף דעם וועג „עפּעס פּאַסירט".

דורך די מאַנעוורעס פון די ענגלישע אַגענטן און דורך די מײַסים פון די ציִוניסטן, האָט זיך געשאַפן א סיטואַציע, אַז דער צאָרן פון די אַראַבישע

מאסן אין פאלעסטינע איז, קוידעמקאָל, געווענדט קעגן ציִעניסטישן ייִשעוו. יעדער אראבישער האָרעפּאשניק ווייס איינס: ציִעניסטישע קאָלאָניעס ווערן געשאפן אף פעלאכישן באָדן. און ער ווייסט נאָך עפּעס: דער פעלאך מוז צאָלן גרעסערע שטײַערן, ווײַל די רעגירונג דארף אויסהאלטן דאָס מיליטער, וואָס טרײַבט אים אראָפּ פון באָדן און וואָס האלט די קאָלאָניעס באשיצט. דער פעלאך צאָלט אף אזא אויפן פאר זײַן אייגענער שטריק. די אראבישע נאציִאָנאליסטישע פרעסע שרײַט, אז ווען ניט די ציִעניסטישע „היים", וואָלט די רעגירונג אויסגעגעבן די שטײַערן אף פארבעסערן די לאגע פון פעלאך, אף שאפן מער שולן, אײַנפירן סאניטאַרע באדינגונגען. אין אזא ארגומענט מעג מען צווייפלען. א אימפּעריאליסטישע הערשאפט האָט ניט די טעווע צו אויסגעבן געלט אף זאכן, וואָס ברענגען נוצן דער באפעלקערונג. אָבער אן ארגומענט איז דאָס (די אראבישע נאציִאָנאליסטישע פרעסע ווײַזט אויך אָן, אז גרויסע סומעס ווערן אויסגעגעבן אף בויען וועגן קימאט דורכויס אין געביט פון די ציִעניסטישע קאָלאָניעס,—ענגלאנד באפעסטיקט דאָ אירע סטראטעגישע פּאָזיציעס,—אָבער ניט, אָדער זייער ווייניק, אין די אראבישע געביטן).

און קימאט אלע יאָר שיקט דער אימפּעריאליזם אן „אויספּאָרשער", וואָס ווענדט אָפּ דעם צאָרן פון די מאסן פון איר—דירעקט צו די ציִעניסטן. איצט איז א סעדרע מיטן פרענטש־באריכט. די ציִעניסטן מאכן גוואלדן קעגן דעם רעפּאָרט (די גוואלדן זײַנען א מאגעווורע). און די ציִעניסטישע ענגלישע צײַטונגען אין יערושאָלײַם, „פּאלעסטײַן בולעטין", איז דעם 16־טן מײַ ארויסגעקומען מיט א געשריי, אז פרענטשס רעקאָמענדאציע, אז קיין שום באָדן זאָל ניט טראנספערירט ווערן אָן דער האסקאָמע פון דער רעגירונג, איז—באָלשעוויזם!

„מיר מעגן ווײַטער שטעלן מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פארטיי אונטער פּאָליציי־אופזיכט אָדער האלטן זיי אף קאָהאָלישע הויצאָעס אין אונדזערע טורמעס, אָבער די גאנצע זאך וועט ניט אויסקומען לאָגיש, ווען מע נעמט אין אכט דעם אקטיוון באָלשעוויזם, וואָס ווערט פאָרגעלייגט דורכן רעפּאָרט" (באמערקט דעם כענעוודיקן אויסדרוק: „אונדזערע טורמעס"—פּ. ב.).

פונקט ווי בײַם סימפּסאָנס באריכט, אזוי געלינגט איצט ווידעראמאָל דער אימפּעריאליסטישער מאכט צו שאפן דעם אײַנדרוק, אז זי איז גרייט אלצדינג צו טאָן פארן פעלאך, נאָר די ציִעניסטן לאָזן ניט (דער גאנצער זין פון באָדן־קאָנטראָל איז דאָך, אז דער עפּענדי זאָל ניט קאָנען אזוי לײַכט פארקויפן באָדן, אף וועלכן פעלאכן זיצן,—און קעגן דעם שרײַען אזוי די ציִעניסטן).

און דאָ, ווי בײַם באטראכטן די מײַסים פון די היטלעריסטן (היסטאדרוסניקעס) אין פאלעסטינע, וועלכע טרײַבן אן אָפּענעם וואקכאנאליע־כיירעם קעגן „אראבישער ארבעט", מוז מען פרעגן:

ווּהין צילן די ציִעניסטן?

דער ענטפער איז ווידעראמאָל:

די ציִעניסטן טרײַבן איצט צו געשעענישן, טרײַבן באוווסטזיניק!

11

דער ציִעניזם וויל א „פּאָגראָמל“!

— נאָך א זדרײַסיק פּאָגראָמען, און מיר וועלן אויסבויען דאָס לאַנד. מיר זײַנען איצט עקאָנאָמיש שטארקער, ווי פארן פּאָגראָם אין 1929, עס האָט אונדז גאָרניט געשאדט. פארקערט.

אזוי האָט מיר דערקלערט א ציִעניסטישער קאָכלעפל אינ טעלאָוויוו, א וויכטי־קער געשעפט־פארוואלטער, און איידער איך האָב צײַט געהאט דערשטוינט צו ווערן פון זײַן ברוטאלער אָפנהערציקײַט, האָט ער זיך געכאפּט, אז דאָס וואָרט „פּאָגראָם“ פּאסט זיך ביכלאל ניט אהער.

— וואָס הייס פּאָגראָם, — האָט ער זיך פאריכט. — איך בין געוועזן אין פּאריזש ניט לאַנג צוריק און מע האָט זיך געקריִמט איבער פּאלעסטינע: „וואָס פאר א לאנד איז עס, אז עס קומען פאָר פּאָגראָמען!“ האָב איך געענטפערט: „בא אײַך קומען ניט פאָר קיין אומרוען. גענעראל־שטרײַקן? עס פאלן ניט קיין קאָרבאָנעס אין אזעלכע אומרוען? שטעלט איר זיך דען אָפּ פון דער ארבעט צוליב אזעלכע אומרוען? שרעקט עס אײַך אָפּ? אזוי בא אונדז. אָן קאָרבאָנעס קאָן עס ניט זײַן אין ערגעץ“.

די רייד זײַנען מיר וואָס ווײַטער מער געפעלן געוואָרן, ווײַל זיי האָבן דאָ אנט־פּלעקט די „נעשאָמע“ פונ ציִעניסטישן יִשעוו. גערעדט האָט א ציִעניסטישער רעאל פּאָ־ליטיקער, א געשעפט־מענטש, וואָס האָט ליב „אָן אָפּנעם זעקס און זעכציק“. איך האָב זיך געסטארעט ניט איבערצושלאָגן אים. און ער האָט ווײַטער דעקלארירט:

— קאָלזומאן ענגלאנד איז דאָ, קאָנען מיר בויען. שפּעטער וועלן מיר ענגלאנד אויך אײַנבײַסן, אָבער איצט בויען מיר און באוואָרענען זיך. מיר מאכן גוואלדן? דאָס איז פּאָליטיק. מע דארף שרײַען! אָבער מיר טוען זיך אונדזערס. און ענגלאנד טוט אויף גוטע זאכן אויך. אָט בויט זי א האפן אין כייפע. דאָס וועט לייגן די אראבער אינ יאפע אינ דרערד. וואָס דארפן מיר דעם האפן אין יאפע, אז די אראַ־בער זאָלן אונדז אײַנעצן די סכוירע? אונדז ארט ניט, אז די סכוירע וועט קומען פין כייפע מיטן באן. פארקערט, וואָס מער באן. פּאלעסטינע וועט לעבן פון באן. פּאלעסטינע וועט זײַן א טראנזיט־לאנד. קאָלזומאן ענגלאנד איז דאָ, בויען מיר און באוואָרענען זיך. איר האָט געזען, ווי אין פּעסאכטיקוואָ האָבן זיך טויזנט כעווערע־לײַט געגעבן א שטעל קעגן די אראבער?

דאָס האָט ער אפּאָנים געמיינט דעם ארויסטריט פון אָרגאניזירטן היטלעריזם אין פּעסאכ־טיקוואָ (ביידע פליגלען: היסטאדרעט־פליגל און זשאבאָטינסקיס „ברית טרומפּלדאָר“) קעגן „אראבישער ארבעט“. אינמיטן מײַ.

דער ציִעניסט האָט אוועקגעלייגט אסאך רייד צו באווייַזן, אז מע קאָן „בויען א לאנד", אָן באָדן, אָן קוילן, וואלד, מינעראלן—אף „טראנזיט". דער קאמף קעגן אראבישער ארבעט איז א ריכטיקער. די אראבער געפעלט עס ניט? וועמען גייט עס אָן?

— די אלטע ייִדן אין כעוורין און צפאס האָט מען דאָך שוין אויסגעהארגעט, טאָ ווער האָט מיירע פאר זיי?

עס האָט גערעדט א קאָלאָניזאטער פון ערגעץ אין אינדיע, אפריקע, וואָס האלט קעסיידער די האנט אפן רעוואָלווער.

פארבייַ אונדזער גאנעק איז אפן גאס דורכגעגאנגען אן אראבערקע. זי האָט פאר א צייַמל געפירט אן אייזעלע, וואָס איז געווען אָנגעלאָדן מיט פּראָדוקטן.

— איר זעט, אָט דאָס איז אונדזער קאָנקורענטקע!—האָט דער ציִעניסט ארויסגערעדט מיט פאראכטונג. אזוי רעדט געוויינלעך אן ענגלישער (אָדער אמעריקאנישער, פראנצויזישער, בעלגישער) קאָלאָניזאטער וועגן דעם „נייטיוו" (געבוירטיגג) אין כינע, אינדאָ-כינע און קאָנגאָ.

קיין נייַעס האָט דער ציִעניסט ניט געזאָגט. ער האָט נאָר אָפן און ברוטאל פאָרמולירט דאָס, וואָס איך האָב זיך שוין פאר דעם געהאט אָנגעהערט און אָנגעזען אין מעשעך פון א פאָר וואָכן פאר דעם געשפרעך. נעמט איר אין אכט דעם אקט פון דער „האגאנא" (ציִעניסטישער מיליטערישער אָפּטייל), וועלכער האָט אין ירושאָלייַים דעם 2-טן אפּרעל דערמאָרדעט אן אראבישן ארבעטער, א שאָפער (איבערגעשניטן אים דעם האלדז אין טאקסי) אפן אָרט, ווי אן אמעריקאניש-ייִדישער טוריסט איז מיט א טאָג פריִער באגאנגען זעלבסטמאָרד; נעמט איר אין אכט דעם געשריי, וואָס די העברייִשע פרעסע האָט אופגעהויבן אין פארבינדונג מיטן זעלבסטמאָרד, געשריִען, אז דאָס איז א מאָרד; נעמט איר אין אכט די אלגעמיינע מאָביליזאציע פון פון דער „האגאנא", אונטער אן אויסרייד פון א מארש קיין טעלאָוויוו, צו אָנטיילנעמען אין דער אָרטיקער מאקאביאדע; נעמט איר אין אכט דעם אומופהערלעכן דראנג פון די ציִעניסטן אף דער אדמיניסטראציע, אז זי זאָל העלפן אראָפּטרייַבן די פויערים, וואָס האָבן פארכאפּט געוויסע שטיקער ערד אין וואאדי-כאווארים און קוסקוס-טאבאָר; נעמט איר אין אכט די באפעסטיקונגען אין די קאָלאָניעס; נעמט איר אין אכט דעם כיירעם קעגן „אראבישער ארבעט", וואָס טראָגט זיך ווי א וואקכאנאליע איבערן גאנצן ייִשעוו—נעמט איר די אלע און נאָך אנדערע פאקטן אין אכט, מוזט איר זיך זאָגן:

דער ציִעניזם זוכט איצט צו פּראָוואָצירן געשעענישן אין פּאלעסטינע!

דער ציִעניזם האָט דאָ צוויי מאָטיוון. איין מאָטיוו איז א געלטיקער, אף וויפל דער ציִעניזם האָט שטענדיק געלעבט פון פּאָגראָמען, וויל ער איצט ווידער מאכן א לעבן פון א נייַעם געשריי—„פּאָגראָם"! דער אלוועלטלעכער קריזיס האָט שטארק אויסגעליידיקט די ציִעניסטישע קאסע, און אין פראט פון געלט האלט עס ניט פריילעך, די גרעסטע געפאר ליגט אין דעם, וואָס דער קערען-האיעסאָד פארמאָגט צענדליקער טויזנטער דונאם באָדן, וואָס זייַנען ניט באזעצט, און ער האָט דאָ אויסצושטיין א צו שטארקן דראנג. די רעגירונג טייַנעט: איר מוזט מיטן באָדן עפעס טאָן, דאָס

רייצט צו שטארק די לאנדלאָזע אראבער! דער קערען־האַיעסאָד, ווי אסאך אנדערע ציִוניסטישע אינסטיטוציעס, זיַינען אָבער געטראָפן געוואָרן פון קריזיס. דער „גאָלעס" ניט ניט קיין „באקשיש" אין דער מאָס, וואָס איז נייטיק פאר די ציִעגיסטישע געשעפטן. מע האָט ניט לאנג צוריק עטוואָס פארקלענערט דעם שטאב ציִוניסטישע באאמטע אין טעלאָוויוו, אָבער דער שטאב אליין קאָסט נאָך אלץ זייער אסאך געלט. און א געשריי „פּאָגראָם!" וואָלט, ווי אין 1929, ווידער געעפנט די געלט־שליוזן. ווי עס איז ניט שלעכט די ציַיט, וואָלט מען זיך שוין אָנגעשטרענגט און געגעבן עפּעס פארן „הייליקן לאנד".

דער אנדער מאָטיוו איז א פּאָליטישער, און דאָ שפּילן די ציִעניסטן זייער ראָלע פארן ענגלישן אימפּעריאליזם. עס האנדלט זיך וועגן לאָזן בלוט. דער ענגלישער אימפּעריאליזם דארף עס פאר אן אויסרייד צו אריַינפירן נאָך מיליטער (ווי די געשעענישן אין 1929 האָבן אים צו דעם צוועק גוט געדינט), און קעדיי א קלאַפּ צו טאָן די באוועגונג צווישן די אראבישע מאסן, איידער זי קריסטאליזירט זיך אויס אונטער א קאָמוניסטישער פירערשאפט, וועלכע זוכט די באוועגונג צו געבן א דירעקטע אנטיאימפּעריאליסטישע ריכטונג! מיט אזא קלאַפּ וועט מען אָפּשוואכן דעם קאמף קעגן אימפּעריאליזם, ווידער פּרובירן אָוועקפירן די אומצופרידנקייט אפן וועג פון קאמף צווישן צוויי ראסן,—לויטן אלטן געזעץ: צעטייל און הערש!

עס איז א ליגן, וואָס מע וויל איַינריידן דעם עולם אין „גאָלעס", אז דער ענגלישער אימפּעריאליזם דינט ניט דעם ציִוניזם אין פּאלעסטינע. דאָס איז לאכלוטן פאלש, אף וויפל דער אימפּעריאליזם האָט אין זינען דאָס „גרויסע און גאנצע", די אימפּעריע, מוז ער לאווירן, מאכן אָנשטעלן, אָריענטירן זיך אמאָל אף דער אראבישער בורזשואזיע. אף וויפל דער ציִעניזם האָט אין זינען איינס—שפּארט ער אין איין ריכטונג, אָפּן קעגן די אראבער. אָבער זיי דינען זיך געטריַי איינער דעם אנדערן—דער אימפּעריאליזם דעם ציִעניזם, און פארקערט. און די ציִעניסטישע פּראָוואָקאציעס קעגן די אראבער זיַינען איצט א טייל פון דער אימפּעריאליסטישער פּאָליטיק.

דער דערמאָנטער ציִעניסט האָט געזאָגט:

— פּאלעסטינע איז דאָס איינציקע לאנד, ווו מע האָט פאר אונדז מוירע?

די ציִעניסטן לעבן דאָ, פארשטייט זיך, אין דעם „נארס גאניידן"—מילד גערעדט. ארום זיי שטייט א וואנט פון ענגלישע באיאָנעטן, און זיי שריַיען: מע האָט פאר אונדז מוירע... זאָל ענגלאנד היַינט אָפּטרעטן פון פּאלעסטינע, בליַיבט ניט פון דעם גאנצן ציִעניסטישן „יִשעוו" קיין איין שפּענדל! אָט אזא סיטואציע האָבן זיך די ציִעניסטן דערשלאָגן. און אויב זיי דופּען אף דער „האגאנא" און אף די מאסן געווער, וואָס די „האגאנא" קריגט, מיט דער אומאָפיציעלער האסקאָמע פון דער ענגלישער אדמיניסטראציע, פארגעסן זיי וועגן די נאָך גרעסערע מאסן געווער, וואָס דער „אראבישער צאד" קריגט פון די אראבישע רעגירונגען אין טראנסיאָרדאניע, איראק, העדזשאס, פון די אראבער אין עגיפּטן און פון אלע זיַיטן. אָבער דאָס שריַיען „מיר", „מע האָט מוירע פאר אונדז", דאָס פּאָכן מיטן שווערד, דאָס איַינשטעלן בעגעגייע דעם אראבער די באציִונג פון דעם קאָלאָניזאטער מיטן „סעם-

בראַון־"רימען און „קאָלט"־רעוואָלווער איז עפּשער דאָס ערנסטע פון אַלע פּראָוואָצירנדיקע פאַקטן פון דעם ציִוניזם אין פּאַלעסטינע.

דער ציִוניזם שטעלט איצט מיט זײַן פּאָליטיק אין קאָן דאָס לעבן פון דעם גאַנצן ייִשעוו!

די פּאָליטיק פון די ציִוניסטן איז צו שרײַען קעגן ענגלאַנד. דאָס **העלפט** ענגלאַנד בענעגייע די אַראַבער. זי קאָן זיי אָנווײַזן: איר זעט, וואָס פאַר אַ גוואַלדן די ציִוניסטן מאַכן? פאַקטיש איז אָבער די זאַך גאַנץ אַנדערש, ווי דאָס קוקט אויס אין די באַריכטן און אין די ווײַסע פּאַפּירן.

די ענגלישע רעגירונג האָט איצט אַף די 2000 סערטיפיקאַטן דערלויבט די ציִוניסטן אַרײַנשמוגלען פיר־פינף טויזנט אימיגראַנטן אַף פּאַספּאָרטן פון „טוריסטן". אין דעם „ייִשעוו", וועלכער לעבט פון הור־האַ און פון ספּעקוליאַציעס, האָט זיך געטומלט מיט אַ נײַער ספּעקוליאַציע—פאַלשע כאַסענעס! שאַדכאָנים האָבן געמאַכט געשעפטן—אַלציינס וואָס פון די כאַסענעס וועט ניט אַרויסקומען. דאָ איז געווען נאָך אַ קוואַל פון „פּראָספּעריטי". די כאַסענעס זײַנען געווען פיקציעס—קעדיי צו דערלויבן טוריסטן בלײַבן אין לאַנד (אַנדערע האָבן זיך אָן אייצע געגעבן אָן דעם).

די אַרבעט פון ציִוניזם פּאַסט זיך אַלץ שטאַרקער אַרײַן אין דער סיסטעם פון ענגלישן אימפּעריִאַליזם. די העצע פון די ביאַליקס קעגן סאָוועטנפאַרבאַנד (מיט אים איז אַ גאַנצע כאָפּטע קאָרעספּאָנדענטן פון „גאָלעס"־צײַטונגען, ווי דער קאָרעספּאָנדענט פון „מאָרגן־זשורנאַל" בענציִען קאַץ) איז פאַרן ענגלישן אימפּעריִאַליזם עפּעס ווערט געווען. און עס איז גאָרניט צופעליק, וואָס אַזאַ אַנטיסאָוועטישע העצע קומט פאָר אין גאַנצן נאָענטן מיזרעך, ווו ענגלאַנד און פראַנקרײַך הערשעווען!

דער רעוויזיאָניזם איז פון שטענדיק אָן דער אָפנהערציקער ציִוניזם, און די דערקלערונג פון דעם רעוויזיאָניסטישן פירער פאָן־ווײַזל, אַז דער ציִוניזם וועט קאָנען אַרויסשטעלן פאַר ענגלאַנד אַן אַרמיי פון הונדערט טויזנט מאַן—אין נאָענטן מיזרעך—איז ניט סטאַם אַזוי גערעדט. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, ווי די ציִוניסטישע קאָלאָניעס אין איימעק זײַנען פאַרטיידיקונג־פּאָזיציעס פאַר דער אײַזנבאַן־ליניע כײַפע־באַגדאַד. אַף צו באַשיצן די ליניע וועט מען זיך קאָנען באַנוצן מיט דער „האַגאַנאַ". דערפאַר—פרישע פאַרפירטע יונגעלײַט. און אין פאַל פון אויפשטאַנד קעגן ענגלישן אימפּעריִאַליזם וועלן די ענגלישע מיליטער־לײַט שוין קריגן אַן אומזיסטע ציִוניסטישע אַרמיי פון צען־צוועלף טויזנט, וואָס ווערט אויפגעהאַלטן אַף די געלטער, וואָס דער ציִוניזם ציט אַרויס פון „גאָלעס".

אָט דאָס איז די אימפּעריִאַליסטישע פּאָליטיק, וואָס דער ציִוניזם שפּילט איצינד מיט מער אַזאַרט ווי אַלע מאָל—אַ פּאָליטיק, וואָס שטעלט אַוועק דעם גאַנצן „ייִשעוו" אַף אַן אַרסענאַל מיט פּולווער. די אינטערעסן פון די פאַרפירטע ייִדישע מאַסן אין פּאַלעסטינע פאָדערן איצינד אַ נאָך מער אַנטשיידענעם קאַמף קעגן דעם ציִוניזם און זײַנע אַוואַנטיורעס.

12

די קאָמוניסטישע באוועגונג אין פאלעסטינע

אף וויפל פאלעסטינע איז זייער א קליינער געביט — ווייניקער ווי א העלפט די גרויס פון ליטע — און אף וויפל אלע אונטערנעמונגען אין „לאנד“, אראבישע און יידישע, פארמאָגן ווייניקער ווי צוואנציק טויזנט ארבעטער, צום מייסטן באשעפטיקטע אין קליינע ווארשטאטן, אף אזוי פיל קאָן זיך עס ניט האנדלען, פארשטייט זיך, וועגן א וועלכער עס איז ברייטער באוועגונג, ווי מע פארשטייט זי אין אייראָפּע און אמעריקע. פאלעסטינע דארף אָבער ניט גענומען ווערן ווי א באזונדער לאנד, נאָר ווי א רינג אין א גאנצער קייט קאָלאָניאלע און האלב־קאָלאָניאלע לענדער, ווו עס וואקסן אָן — אָדער איז שוין געקומען צום אויסדרוק — די אגראר־רעוואָלוציע. פאלעסטינע דארף אויך באטראכט ווערן נאָר ווי איין רינג אין דער קייט פון ענגלישן אימפעריאליזם, אָט דאָ זיינען די גרענעצן צווישן פאלעסטינע, עגיפטן, טראנסיאָרדאניע, איראק, סיריע, העדזשאס און גאנץ אראביסטאן נאָר קינסטלעכע. די אראבער, אין די אלע געביטן, וועלכע האָבן זיך ערשט ניט לאנג צוריק געפונען אונטער איין, טערקישער, הערשאפט, פירן אצינד דעמועלביקן קאמף קעגן פעאָדאליזם און אימפעריאליזם. און פאלעסטינע שפילט דאָ איינע פון די שליס־ראָלעס.

אף דער קאָמוניסטישער פארטיי פון פאלעסטינע איז אויסגעפאלן א באזונדערס שווערע ראָלע, ווייל זי האָט צו טאָן ניט נאָר מיט א קאמף קעגן פעאָדאליזם און אימפעריאליזם, נאָר זי שטייט פאר א פארשארפטן ראסן־קאמף, וואָס איז א רעזולטאט פון ציוניזם, א ראסן־קאמף, וואָס האָט אריינגעצויגן, און האלט בא זיך דערווייל, די מערהייט פון די אראבישע און יידישע האָרעפאשניקעס. דער אראבישער האָרעפאשניק ווערט אריינגעצויגן אין דעם ראסן־קאמף, ווייל די איינפלוסן פון פעאָדאליזם און פון דער רעליגיע זיינען נאָך צווישן אים שטארק; דער יידישער האָרעפאשניק ווערט געבראכט קיין פאלעסטינע א צוגעקליבענער: איינס אין איינס ציוניסטישע פאנאטיקער. דערפאר קומט מען אהער. און אויב דער אויבערגענומענער איז נאָך ניט קיין אנטוישטער, איז ער א ביטערער קעגנער פון דער קאָמוניסטישער באוועגונג און אגענט פון דער אימפעריאליסטישער מאכט, אומעטום: בא דער ארבעט, אין לאָקאל, אפן גאס. קיין ניט פארטייישע זיינען דאָ קימאט ווי ניטאָ.

אין אָט דער זייער שווערער סיטואציע קומט דער פארטיי אויס צו ארבעטן.

די קליינע פּאַלעסטינישע פּאַרטיי קאָן זיך רימען מיט א רעקאָרד, וואָס ניט אַלע אומלעגאַלע קאָמוניסטישע פּאַרטייען קאָנען באַווייַזן: א שטענדיקן אומלעגאַלן אָרגאַן („האַלעמאַן"—„פּאָרויט", אין אַראַביש און ייִדיש) און א גאַנצע אומלעגאַלע ליטעראַטור אין אַראַביש, ייִדיש און העברייִש. ניט לאַנג צוריק האָט מען פאַרכאַפּט צוויי דרוקערייַען פון דער פּאַרטיי, אָבער דאָס דרוקן ליטעראַטור האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט.

אין דעם איצטיקן מאָמענט ווערט די אַרבעט פון דער פּאַרטיי געווענדעט—לויט דער אָרדענונג פון זייער דרינגענדיקייַט—אויף די פאָלגנדיקע געביטן: 1) אַרבעטלאָזיקייַט, 2) די ערד־פראַגע, 3) דער ציוניזם. אָבער די אַלע דרייַ פראַגן זייַנען געפלאָכטן איינע אין דער אַנדערער, און אַלע צוזאַמען—מיטן קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם און דער פעאָדאַלער סיסטעם.

די אַרבעטלאָזיקייַט איז איצט—לויט פּאַלעסטינער מאַסשטאַב—א שווערע. וועגן דער אַרבעטלאָזיקייַט צווישן די ייִדישע אַרבעטער האָבן מיר שוין גערעדט (אין קאַפּיטל: „דער אַרבעטער אין פּאַלעסטינע") צווישן די אַראַבישע האָרעפּאַשניקעס געפינען זיך אַן ערעך פופציק טויזנט אַרבעטלאָזע. מע קאָן אָנווייַזן, אַז אַלע אַראַבישע לוין־אַרבעטער אין פּאַלעסטינע מאַכן ניט אויס אַזוי פיל. דאַרף מען דאָס וואָרט „אַרבעטלאָזע" אין פּאַלעסטינע פאַרשטיין ניט אין דעם זין, אַז די אַרבעטער האָבן שוין אַמאָל געאַרבעט, נאָר איצט האָבן זיי ניט וואָס צו טאָן. „אַרבעטלאָזע" באַטייַטן דאָ פּאָשעט אַזעלכע, וואָס האָבן ניט וואָס צו טאָן. אהער גייט אַרייַן א גרויסער פּראָצענט פון די, וואָס האָבן נאָך קיינמאָל ניט געאַרבעט אין קיין פאַבריק, אָדער וואַרשטאַט, ווייַל זיי קאָנען זיך צו גאָרניט דערשלאָגן. אהער גייט אויך אַרייַן א פּראָצענט פויערים, וואָס ווערט אַראָפּגעטריבן פון באָדן דורך דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע און וואָס קאָן אויך אויף זייַן געוועזענעם באָדן ניט קריגן קיין אַרבעט באַם נייַעם באַלעבאָס,—צוליב דער פּאָליטיק פון „ריינער ייִדישער אַרבעט". דער ענגלישער אָפּיציאָז, „ניר איסט", האָט אָפּגעשאַצט די אַרמיי אַרבעטלאָזע, פּאָריקן סענטיאַבער, אויף דרייַ און דרייַסיק טויזנט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָ איז עפּעס ניט דערשאַצט געוואָרן. זינט דעמלט איז אויך געקומען א טריקעניש אין פּאַלעסטינע, און דאָס האָט פאַרגרעסערט די אַרמיי אַרבעטלאָזע.

די פּאַרטיי זוכט צוגעבן דעם גאַנצן פּאָלווער, וואָס טראָגט זיך אַרום אין פּאַלעסטינע, א קלאַסן־אויסדרוק. אויף וויפל דער ציוניזם האָט גוירעם געווען דער פאַרשאַרפונג פון ראַסן־קאַמף, ליגט עס אויף די ייִדישע אַרבעטער צו באַווייַזן דורך מייַסים, אַז זיי זייַנען גרייט צו גיין האַנט אין האַנט מיט די אַראַבישע אַרבעטער. די פּאַרטיי זאָגט די ייִדישע אַרבעטער: מע האָט שוין גענוג גערעדט וועגן סאָלידאַרישקייַט פון אַלע האָרעפּאַשניקעס,—מע דאַרף אָנהייבן טאָן. ווען ציוניסטן, מיט דער הילף פון די אימפּעריאַליסטישע באַאַמטע, טרייַבן אַראָפּ אַראַבישע פּעכטער פון באָדן, דאַרף מען דאָס ניט לאָזן. און העלפן דעם פעלאַך אין זייַן קאַמף. ווען די פּאָליטיק פון „קיבעש האָאַווידע" באַזייַטיקט אַראַבישע אַרבעטער פון אַרבעט, דאַרף מען זיך שטעלן קעגן דעם. דערווייַלע האָט די פּראָפּאַגאַנדע פון דער פּאַרטיי געבראַכט רעזולטאַטן אויפן צווייטן געביט. אין די קאָלאָניעס און אין די שטעט—באַזונדערס אין כייפע, באַם פּאָרט—זייַנען שוין געווען פיל פאַלן, ווען ייִדי־

שע אַרבעטער האָבן זיך אָפּגעזאָגט גיין אַף „קיבעש האַאַוווידע“, אָפּגעזאָגט זיך צו פאַרנעמען די ערטער פון אַראַבישע אַרבעטער. דערפאַר — די געריכטן, וואָס די „היס־טאַדרוטס“ מאַכט אַף די ווידערשפּעניקע. אַזעלכע אַרויסטרעטונגען פון יידישע אַרבע־טער מערן זיך אַדאַנק דער טעטיקייט פון דער קאָמפּאַרטיי. און עס פאַרשטייט זיך, אַז איין אַקט צעמענטירט די סאָלידאַרישקייט צווישן אַראַבישע און יידישע אַרבע־טער פיל מער ווי טאָנען ליבע־דערקלערונגען.

מע דאַרף אָבער זאָגן, אַז דאָ, ווי אין דעם גאַנצן געביט פון רעוואָליוציאָנערער אַרבעט אין פּאַלעסטינע, זיינען נאָר געמאַכט געוואָרן אָ נ ה ײ ב ן. די גינסטיקע אָביעקטיווע לאַגע, די ליידן צווישן די האָרעפּאַשנע מאַסן — אַראַבישע און יידישע — האָבן נאָך ניט געקראָגן זייער אויסדרוק אין אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע פון אַראַבישע און יידישע אַרבעטער, לאָמיר זאָגן, אַפן פּראָפעסיאָנעלן געביט. די פּאַרטיי באַ־גרייפט, אַז אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע דערנענטערונג איז איינע פון די דרינגענדיקסטע פאָדערונגען פון מאָמענט, קעדיי צו באַוואָרענען, אַז דער אויפרייס, וואָס קאָן קומען יעדן טאָג, זאָל קריגן זיין קלאַסן־אויסדרוק.

דער פּאַרטיי האָט זיך איינגעגעבן צו שלאָגן וואָרצלען צווישן די אַראַבישע האָרעפּאַשניקעס. דאָס האָט מען געקאָנט זען פון די פּאַסירונגען אַרום דעם אַראַבישן רעליגיעזן יאָנטעוו „נאַבו מוסא“ (דער „נאָווי מוישע“, ווען גרויסע מאַסן קומען קיין ירושאָליים און גייען פונדאָרטן צו „מוישעס קייווער“, ניט ווייט פון ירעכע). עס פאַרשטייט זיך, אַז דער ציוניזם האָט אינדערצייט פון אַזעלכע יאָנטויווים נאָך אַ געלעגנהייט צו שרייען, אַז די קאָמוניסטן זיינען „אַגענטן פון מופטי“, — פּונקט ווי די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן פאַרלירן ניט יעדע געלעגנהייט צו דערקלערן, אַז דער קאָמוניזם איז אַ „יידישע באַוועגונג“ (אין מיי האָט דער „פּאַלאַסטין“ איבערגעדרוקט פון דער אייראָפּייִשער פאַשיסטישער פּרעסע אַ ליסטע מיט נעמען פון סאָוועטישע טוער צו „באַווייזן“ די דאָזיקע באַהויפּטונג). אָבער יעדער איינער, וואָס געדענקט, ווי אין דעם אַלטן שטעטל פלעגן רעוואָליוציאָנערן אָפט אויסנוצן דעם בעסמעדרעש פאַר פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן, ווייל אַהער פלעגט קומען די מערהייט פאַרפירטע האָרע־פּאַשניקעס, פאַרשטייט, אַז אַזוי איז אויך מיטן יאָנטעוו „נאַבו מוסא“. ב אַ ז ו נ ־ ד ע ר ס מיט ד ע ם יאָנטעוו, ווייל די אַראַבישע מאַסן, איבערהויפּט די פעלאַכן, זיינען שוין פון לאַנג געוווינט אַרויסצושטעלן באַ דער געלעגנהייט לאָזונגען, וואָס טראָגן, איינגאַנצן אָדער טיילווייז, אַ סאָציאַלן כאַראַקטער.

באַם לעצטן „נאַבו מוסא“־יאָנטעוו, אין אַפּרעל, איז דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי צום ערשטן מאָל געלונגען אַרויסשטעלן אירע רעדנער, וועלכע זיינען פון די מאַסן גוט אויפגענומען געוואָרן און אויך באַשיצט געוואָרן פון אָנפאַלן מיצאַד דער פּאָליציי (מע האָט די רעדנער געהאָלפן פאַרשווינדן צווישן דער מאַסע). דריי מאָל זיינען געהאַלטן געוואָרן קאָמוניסטישע רעדעס: באַם אָמאַר־מאָסק, באַם יאַפּע־טויער (אין ירושאָליים), און באַם „קייווער“, ווו עס איז אויך אַף דער געביידע פון מופטי אויפגעצויגן געוואָרן אַ רויטע פאָן, וועלכע איז, פאַרשטייט זיך, באַלד אַראָפּגעריסן געוואָרן.

דעם 1־טן מיי איז אַ רויטע פאָן אויפגעצויגן געוואָרן אין כייפער פּאָרט און איז באַשיצט געוואָרן דורך אַראַבישע און יידישע אַרבעטער — קעגן דעם אָנגריף פון

ציִעניסטישע יִדישע ארבעטער, וועלכע האָבן געזוכט די פאָן אראָפּצורייַסן... באזונדערס אין כייפע, ווו עס געפינט זיך די „שווערע אינדוסטריע" פון פאלעסטינע („שעמען" זייף־ און אייל־פאבריק, „נעשער" צעמענט־פאבריק, ראָטשילדס מילן — צווישן 150 און 300 ארבעטער אין יעדערער) און דער פאָרט, האָט זיך דער פארטיי איינגעגעבן צו שלאָגן טיפע וואָרצלען. דאָ איז די פארטיי שטארקער אין אייַנפלוס צווישן די אראבישע ארבעטער, האגאם צווישן די פארטיי־מיטגלידער זייַנען די אראבישע און יִדישע ארבעטער קימאט גלייַך אף גלייַך אין צאָל.

די פארשטארקטע ארבעט פון דער פארטיי האָט ארויסגערופן מאסן־ארעסטן — ווידעראמאָל: לויטן פאלעסטינער מאסשטאב — און א מאסן־טעראָר. אין פארבינדונג מיטן „נאבו מוסא"־יאָנטעוו און מיטן ערשטן מײַ זייַנען ארעסטירט געוואָרן העכער הונדערט ארבעטער. עס זייַנען פארכאפּט געוואָרן צוויי דרוקערייַען. אָבער ווי שטארק דער טעראָר זאָל זיך ניט אויסדריקן אין רעפּרעסיעס מיצאד דער רעגירונג, דריקט ער זיך אָבער נאָך מער אויס דורך דער טעראָר־ארבעט פון די ציִעניסטן און אראבישע נאציִאָנאליסטן. צווישן די ציִעניסטן צייכענען זיך באזונדערס אויס די „היסטאדרעניקעס" און די „לינקע" פּויאלײ־ציִען (וועלכע ארבעטן, פארשטייט זיך, לעגאל, האגאם זיי פלאפלען וועגן קאָמוניזם). די „היסטאדרעסניקעס" און „לינקע" פּ.צ. זייַנען אין אוואנגארד פונעם אָנגריף קעגן די רעוואָליוציִאָנערע ארבעטער.

די „היסטאדרעס" אָרגאניזירט אירע געריכטן איבער ארבעטער, וואָס ווילן ניט גיין אף „קיבעש האָאווידע". זי שליסט אויס, נעמט אָפּ דאָס שטיקל ברויט. די פרויען פון די ארבעטער ווערן פארפאָלגט, זיי זאָלן ניט קריגן קיין הויז־ארבעט אָדער וועש צו וואשן. די קינדער פון די „פארדעכטיקע" ווערן ניט אריַינגעלאָזט אין קינדערהיימען. די פיצלעך קינדער זייערע ווערן ניט אריַינגענומען אין די יאסלעס. אזעלכע קינדער מוזן זיך וואלגערן בא שכיינים, אויב די עלטערן גיט זיך איַין צו קריגן ארבעט אָדער זיי זייַנען פארנומען מיט זוכן ארבעט. אז מע דארף, גייען די סאָציִאל־פאשיסטן צו די באלעבאטים און הייסן זיי אָפּזאָגן די פארדעכטיקע פון דער ארבעט.

אף פארזאמלונגען פון „היסטאדרעס" און „לינקע" פּ.צ. ווערן ארבעטער ארעסטירט פאר מאכן א צווישנרוף. ניט אלעמאָל טוען די ארבעט אגענטן פון דער מאכט. עס מאכט זיך אויך, אז די סאָציִאל־פאשיסטן אליין פארהאלטן דעם „ווידערשפעניקן" און גיבן אים איבער אין די הענט פון דער מאכט (דאָס הייסט, אין די הענט פון די אימפּעריִאליסטן). דאָס האָבן געטאָן די „לינקע" פּ.צ. אין טעלאָוויוו. אף זייערער א פארזאמלונג אין יערושאָלאַיִם, ווו די קאָמוניסטן זייַנען אָנגערופן געוואָרן „פּאָגראָמשטשיקעס", איז אן ארבעטערן (מירעם גאָלאָד) ארעסטירט געוואָרן פאר א צווישנרוף און האָט געקראָגן א יאָר טורמע. ראפאלקעסניר, פון די פּויאלײ־ציִען, האָט אָפן געענטפערט: „יאָ, יאָ, איך מאסער! איז וואָס?". אין דער קאָלאָניע נעס־ציִיונע, ווו די „היסטאדרעס" האָט ביז איצט געפּראוועט איר גרעסטן מישפעט, איז די פארזאמלונג פון די „לינקע" פּ.צ. דעם ערשטן מײַ געווען באוואכט פון ענגלישע סאָלדאטן (די ארבעטער זייַנען דאָ געווען באזונדערס אויפגעבראכט קעגן דער פּ. צ., ווייַל צום אָנהייב איז זי געגאנגען מיט זיי

אין קאַמף קעגן „קיבעש האַאַווידע" און באַם אַנטשיידענעם מאָמענט האָט זי פאַראַטן. דאָס איז אַ מוסטער פון דער ראָלע פון דער פּאַרטיי, וואָס זוכט אָפּצוהאַלטן דעם שטראָם פון אַנטוישטע אַרבעטער, זיי זאָלן ניט גיין צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, אָפּצוהאַלטן זיי מיט „לינקע", אָפּט „קאָמוניסטישע", פראַזן).

די ייִדישע אַרבעטער אומעטום מוזן קומען צוהילף דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אין פּאַלעסטינע. די רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער פירן דאָ אַ מעסירעסנעפּעשדיקן קאַמף, אַ העלדישן קאַמף, וואָס רופט אַרויס באַוואונדערונג, אַ קאַמף, אין וועלכן עס ליגט די רעטונג פון די ייִדישע מאַסן אין פּאַלעסטינע, וואָס דער ענגלישער אימפּעריאַליזם האַלט זיי פאַר קאַנאָנען־פלייש, און וואָס דער ציִעניזם שטעלט זיי קעסיידער אין דער גרעסטער געפאַר דורך זײַן ראַסן־קאַמף און אויסראָטונג־קאַמף קעגן די אַראַבישע מאַסן און דורך זײַן געטרײַער דינסט דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם.

דאָס מוז מען געדענקען: באַ דער איצטיקער לאַגע וועט יעדער קאַמף פון די אַראַבישע מאַסן קעגן ענגלישן אימפּעריאַליזם מוזן גלײַך טרעפן דעם ציִעניסטישן „יִשעוו", וועלכער איז דער שפּיז אין די הענט פון דעמדאָזיקן אימפּעריאַליזם. די זיכערקײַט פון די ייִדישע מאַסן, וועלכע זײַנען שוין קיין פּאַלעסטינע פאַרנאַרט געוואָרן, קאָן גאַראַנטירט ווערן נאָר דורך אַ קאַמף דערפאַר, אַז די ציִעניסטישע אַוואַנטיורע פון „קיבעש האָאָרעץ" און „קיבעש האַאַווידע" זאָל אָפּגעשטעלט ווערן, נאָר אין אַ קאַמף פאַר דער פאַרבריידערונג פון די האָרעפּאַשניקעס פון אַלע נאַציעס, נאָר אין אַן אַלגעמיינעם קאַמף פון זיי אַלעמען קעגן דעם אימפּעריאַליזם.

די ציִעניסטן און אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן אַנערקענען אָפן, אַז די קאָמוניסטישע באַוועגונג איז זייער הויפּט־טוינע. די ייִדישע און אַראַבישע בורזשואַזיע, וועלכע העצט די מאַסן צו אַ ראַסן־קאַמף, האָט די לעצטע צײַט באַוויזן בײַשפּילן פון פאַרייניקונג פאַר זייערע אינטערעסן (דער פאַרבאַנד פון רײַכע אַפּעלסין־עקספּאָרטערס, שטײַער־צאָלער א.א.). נאָר ווען ייִדישע און אַראַבישע אַרבעטער קומען זיך צוזאַמען, שרײַט די בורזשואַזיע: „פאַראַט". יעדן פּרווו פון אַזאַ פאַרייניקונג טעראָריזירט מען. אין טעלאָוויוו גייט אַרויס אַ פּראָגרעסיווער צווייוועכנטלעכער זשורנאַל „האָור", וועלכער פרײַדיקט אַזאַ דערנענטערונג צווישן די אַרבעטער. פאַרפאָלגט מען אים מיט אַלע מעגלעכקײַטן, שלאָגן די סאָציאַל־פאַשיסטן אַרבעטער, וואָס פאַרקויפן דעם זשורנאַל. און די אַראַבישע בורזשואַזיע מיט אירע אַגענטן טוען איר אַרבעט.

די ייִדישע אַרבעטער אומעטום מוזן קומען די רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער אין פּאַלעסטינע צוהילף. אויך דאָ דאַרפן באַוויזן ווערן מײַסים פון סאָלידאַרישקײַט אָנשטאָט בלויז רייד. עס דאַרפן געשאַפן ווערן הילף־גרופּן פאַר דער פּאַלעסטינישער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. עס דאַרפן שאַרף באַקעמפט ווערן די סאָציאַל־פאַשיסטן אין אַמעריקע, פּוילן, פראַנקרײַך און אַנדערע ערטער, וואָס שטייען אין פאַרבינדונג מיט די „היסטאַדרעסניקעס" און „פּועלי־ציִען" אין פּאַלעסטינע.

די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג אין פּאַלעסטינע גייט באַרג אַרויף. די סימפּאַטיעס פאַרן סאָוועטנפאַרבאַנד שטאַרקן זיך,—ווי דאָס איז צו זען פון דעם פאַרלאַנג פון

טויזנטער ייִדישע ארבעטער אריבערצוּוואנדערן אין פארבאנד, קיין בירעבידזשאן. די אנטוישונג צווישן די כאלוצים טוט איר ארבעט. דער הונגער און די אלגעמיינע נויט שטארקט זיך. אין פאלעסטינע וואקסט אָן די אגראר־רעוואָליוציע. דער ציִעניזם און דער ענגלישער אימפעריִאליזם זוכן צו „לאָזן בלוט“, איידער די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג האָט צוגעגרייט דעם באָדן. דארף מען דעריבער וואָס גיכער אָרגאניזירן די הילף פאר דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אין פאלעסטינע און וואָס העפטיקער אָנפירן דעם קאמף קעגן ציִעניזם און סאָציִאל־פאשיזם—די וואָפן־טרעגער פון ענגלישן אימפעריִאליזם אין דעם פיל־געפלאָגטן אָרעמען לאנד—פאלעסטינע.

13

ירושלים — די „הייליקע שטאָט"

אין ירושלים קומט מען אַ ביטערע, אַ שאַרפֿע, אַ „הייליקע" מלחמה — צווישן דעם צײלעם, דער האַלבער לעוואָנע און דער יאַרמלקע.

ווער דאָמינירט? אַז מע וויל זאָגן — אַלע. ריכטיקער וועט אָבער זײַן צו זאָגן, אַז דער צײלעם דאָמינירט. דאָס קריסטנטום האָט באַוויזן צו געבן ירושלים אַ שטאַרקערן שטעמפּל, ווי די אַנדערע צוויי רעליגיעס, כאָטש אין דער באַפֿעלקערונג מאַכן די קריסטן אויס אַ מינדערהײט.

קוידעמקאָל — ירושלים איז ניט קיין שטאָט, נאָר דרײַ „הייליקע" שטעטלעך, צוגערוקט איינס צום אַנדערן. ירושלים באַשטייט פֿון דרײַ שאַרף־אָפּגעגרענעצטע קוואַרטאַלן: אַ מאַכמעדאַנישער, אַ ייִדישער און אַ קריסטלעכער. די צענטראַלע „גאַס" פֿון דער שטאָט — פֿון דער אַלט־שטאָט, הייסט עס — איז דאָוויד־גאַס. זי הייבט זיך אָן באַם אָרט, וואָס די מוסולמענער רופֿן אָן „האַראַם־על־שעריף", און רעליגיעז־נאַציאָנאַליסטישע ייִדן רופֿן אָן: האַר מאָריאָ (באַרג מוריה), דאָס אָרט פֿונעם „טעמפּל" (בעס האַמיקדעש). אויף דעם אָרט געפֿינט זיך איצט דער מוסולמאַנישער „הייליקער" אָמאַר־מאָסק (מעטשעט). און דאָ געפֿינט זיך דער שטיין, וועלכער איז, הייסט עס, געבליבן הענגען אינדערלופֿטן, ווען מאַכמעד איז פֿון דעם שטיין אַרויף מיט זײַן פֿערד אויפֿן הימל... (אויב איר ווילט, איז עס דער שטיין, אויף וועלכן מע האָט געבראַכט יִצכאָקן צו דער אַקיידע...). אין דעם הייליקן אָרט טאָרן ייִדן און קריסטן ניט אַרײַנקומען, נאָר אַז איר וועט באַצאָלן 20 פּיאַסטער (אַכציק סענט). וועט מען אײַך פֿונדעסטוועגן אַרײַנלאָזן.

דער גאַנצער „הייליקער אָרט" איז אַרומגענומען מיט אַ פּירעקיקער פֿעסטונג־וואַנט, וואָס פֿונדרויסן שטאָט שטייט זי הויך און פֿאַרענדיקט זיך מיט אַ טאָל. פֿון אינעווייניק ליגט זי גאַנץ נידעריק און קען ניט געזען ווערן איבער די געסלעך, וואָס ליגן געדיכט און געשלענגלט האַרט בײַ איר און הייבן זיך אַלץ העכער, אַזוי, אַז אין שטאָט זעט מען אינגאַנצן ניט אָן ניט די וואַנט, ניט דעם אָמאַר־מאָסק. די אַלע געסלעך ווערן עס איבערגעשניטן מיט דער איין גאַס, דאָוויד־גאַס, וואָס ציט זיך פֿון טויער פֿון „האַראַם־על־שעריף" ביזן יאַפֿע־טויער.

זײַנען מיר באַם יאַפֿע־טויער און הייבן אָן דעם שפּאַציר, אַראָפּ אין דער דאָוויד־גאַס אַרײַן, צו די „הייליקײַטן".

אויף דער לינקער זײַט גאַס, איבער דער גאַנצער לענג, ליגט דער מאַכמעדאַנישער קוואַרטאַל, מיט זײַנע געסלעך, נאָרעס, מאָסקן, מינאַרעטן. אויף דער רעכטער

זײַט גאַס ליגן די געסלעך פֿונעם ייִדישן קוואַרטאַל, מיט זײַנע באָטעמעדראָשים, יעשיוועס, העקדיישים, און נעענטער אהער, צום יאַפֿע־טויער — דער קריסטלעכער צענטער מיט די קלויסטערס, מאָנאַסטירן און אַלערליי „הייליקײַטן" פֿון יעזוס און מאַריע.

גייען מיר. קיין גאַס זעט מען ניט. עס איז הו־האַ, א מישמאַש פֿון ייִדן, אַראַבער, טוריסטן, גאַלאָכים, רעוולעך, קעמלען, אייזלען, מאָנאַשקעס, ענגלישע באַאַמטע, בעטלער. מירן זיך לאָזן מיטן שטראָם.

פֿונעם קליינעם פּלאַץ באַם יאַפֿע־טויער גיסט מען זיך אַרײַן אין א קאָרידאָר, ווי אין א ליקע. דאָס איז א גאַס? יאָ. די „הויפּט־גאַס". א צען־צוועלף פֿוס די ברייט. ס'איז טונקל, כאָטש די זון איז „אַרויס פֿון דער פּוטערפֿאַס". איבער דער גאַס געפֿינען זיך אַזעלכע געוועלבטע אַרקעס, אַריבערגעוואָרפֿן פֿון איין זײַט איבער דער אַנדערער. די אַרקעס פֿאַרשטעלן די שײַן. אין געוויסע ערטער האָט מען אַף די אַרקעס (איבער דער גאַס, הייסט עס) אוועקגעלייגט א הײַזל, אָדער א שטעלכל. איז גאָר טונקל אַף דעם אָרט.

דער וועג פֿירט אַלץ אַראָפּ. עס ווערט אַלץ געדיכטער. פֿון ביידע זײַטן טונקעלן קאָרידאָר ציִען זיך געוועלבלעך — פֿיר אַרשין אַף פֿיר. גרינס, געקאָכטע שפּײַז, שניט. באַלפּאָנים — מייסטנס ייִדן — שטייען מיט גלעזערנע קעסטלעך און בײַטן געלט. באַ די געוועלבלעך מיט געקאָכטער שפּײַז („רעסטאָראַנען") ליגן אַף טעלער פֿאַרעלטערטע שטיקלעך לעבער, געבראָטענע שטיקלעך פֿלייש אַף שפּיזן און — מאַכנעס פֿליגן. די לופֿט איז שטאַרק אָנגעוואַרעמט. די שטיינער זײַנען צעדרייטע, אויסגעגלעטיקטע פֿון פֿירעס, גליטשיקע, און זיי פֿירן טרעפּמעסיק אַראָפּ — זייער ברייטע און דינע טרעפּ. קיין טראָטואַרן (ווו וועט מען זיי לייגן?), קיין מיטן וועג — ס'איז איין טונקעלער קאָרידאָר. מע קלאַפּט מיט טעצלעך — קאַלטע וואַסער פֿאַרקויפֿט מען. א בעקער טראָגט פֿאַרבײַ אַפֿן קאָפּ א ברעט מיט געבעקס און פֿאַרשטעלט שיִער ניט א האַלבע „גאַס". עס רוקט זיך דורך אַן אייזעלע, אָנגעלאָדן פֿון ביידע זײַטן. [illegible] קומען אָן פֿון אַלע ריכטונגען, פֿון די שמאָלינקע שלאַנגען־געסלעך, וואָס [illegible] זיך דאָ און דאָרטן, אָדער גאָר פֿון הייל׳ן אַזעלכע, וואָס פֿירן צו „וווינונגען". אין דאָ שטייען צוויי רעוולעך מיט זאָנטיקעס און שמועסן, און גלעטן זיך די פּייעס. און דאָ שטייט א פּראַוואָסלאַווער גאַלעך און טײַנעט זיך אויס אַף רוסיש מיט א באַלפּן. פֿרויען מיט פֿאַרשטעלטע פּענעמער. א מעשוגענע בעטלערן וויל „באַקשיש". אין א „רעסטאָראַן" רויכערט מען די רערן־ליולקעס, וואָס ציִען דורך דעם רויך („רייניקן", הייסט עס) דורך וואַסער־פֿלעשלעך.

עס איז טונקל, טומלדיק, פּאַרעדיק, שמוציק — ניט היימלעך. פֿון לינקס שפּאַרט מאַכמעד, פֿון רעכטס — מאָזעס מיט יעזוסן. דאָ, אַף דער גרענעץ־ליניע, אין דעם קאָרידאָר, וואָס איז די „הויפּט־גאַס", שלאָגן זיי זיך צונויף, און אינדערלופֿטן טראָגן זיך פֿונקען. די ראָליע פֿון רעליגיע אין איר „גלאַנציקסטער" פֿאָרם.

גוט איז, וואָס שטרעקעס אין פּאַלעסטינע זײַנען אַזוי קליין. געדוכט האָט זיך, אַז ווײַטער וועג האָט זיך געצויגן א שאָ צוויי — ערשט ס'איז אײַנגאַנצן א מינוט צען. אָט זעט זיך שוין א העלקײַט, דאָס ליכט פֿון טאָג. דער קאָרידאָר (די „הויפּט־גאַס") האָט זיך געענדיקט. מיר קומען צו צו א טויער. ס'איז דער „האַראַם־על־שעריף".

איצט קאָן מען ניט אַרײַנגיין, אָבער איר זעט דעם אָמאַר־מאָסק דורכן טויער. דער היטער הייסט קומען מאָרגן אינדערפרי (ס'איז 20 פּיאַסטער פאַר יעדן). ער זאָגט אויך צו ווײַזן די „וואַנט" פונעם „טעמפּל"—די „עמעסע וואַנט".

איר דרייט זיך אויס און נעמט גיין צוריק—אין קאָרידאָר אַרײַן. איצט איז שוין מאַכמעד פון רעכטס און מאָזעס מיט יעזוסן—פון לינקס. נאָר איינס פון די שלאַנגען־געסלעך אויף לינקס ווערט פאַרדעכטיק. מע פירט אַהין אַ פּאָר טוריסטן. איר לאָזט זיך גיין.

באַלד ווערט קלאָר: דאָס גייט מען צו דער „געוויין־וואַנט" אָדער „קאָטעל מאַאַראָווי" (קויסעל מאַראָווי, מײַרעוו־וואַנט).

אַ פֿײַנלעכער וועג אַרויף, איבער גליטשיקע קאָפּ־שטיינער און אַראָפּ. איפּעש, עלנט, אָרעמקײַט, בעטלערײַ—אַ שרעק. איר פאַרנעמט זיך אויף רעכטס, אויף לינקס—אַ לאַבירינט פון געסלעך. באַלד דערפילט איר אַ געיאָמער: „אָדון, אָדון, נדבה!" (האַרעלע, האַרעלע, אַ נעדאָווע). אין אַווינקל פון געסל געפינט זיך אַ בעסמעדרעש אָנגעפּאַקט מיט בעטלער. מאַנצבילן און ווײַבער. קאַליקעס, טראַכאָמע־אויגן, אָנצייניקע, שמוץ, איפּעש, באַקשיש!

אַן אַראַבישע מיידעלע לויפט אײַך אויך נאָך: באַקשיש! און עס האַלט זי אונטער אַ כאָר פון בעסמעדרעש: „אָדון, אָדון, נדבה!".

איר דרייט זיך אַרײַן אין אַן אַנדער געסל, 5—6 פוס די ברייט, רעכטס, גלײַך, לינקס—עס זיצט אַן ענגלישער סאָלדאַט.

אַ סימען—די „וואַנט" איז שוין נאָענט.

און אָט איז זי. עס עפנט זיך אַזאַ קליין הייפל, אַ קאַסטן!—אַ פופצן פוס די ברייט און אַ דרײַסיק פוס די לענג. דער באָדן איז פון גלאַטע, פלאַכע שטיינער. ווענט פון אַלע זײַטן, מיטן אויסנאַם פון דעם שמאָלן געסל, דורך וועלכן איר זײַט געקומען. בײַ איין וואַנט שטייט מען און מע דאַוונט, מע קרעכצט, מע וויינט, ווי איינעם פאַלט אײַן. אויבן איז די וואַנט באַדעקט מיט מאָך בײַ די שפּאַלטן. אונטן זײַנען די שפּאַלטן אויסגעהוילט—מע שטופּט אין זיי אַרײַן צעטעלעך צום ריבוינע־שעלוילעם: גרוינעם בען גנענדל, אַזוי און אַזוי, איך דאַרף הילף. די ברעגעס פון די שטיינער, בײַ די שפּאַלטן, זײַנען פאַרפּעצט פון קושן...

אַלע פיר ווענט פונעם הויף־קאַסטן זײַנען באַשריבן מיט נעמען. אָט זײַנען צוויי: „ישראל, ברוקלין", „בנימין, לאָצאָב".

דער גאַנצער קליינער לענגלעך־פּירעקיקער אָרט (ווו מע קאָן עפּשער אַרײַנפּאַקן ווי די סאַרדינעס, אַרום צוויי הונדערט מענטשן) איז אַ פּאַסטקע פיגורעל און פאַקטיש. עס איז אַ בלינדער ווינקל, וואָס האָט ניט קיין אויסגאַנג. דער אָרט פירט צו אַראַבישע וווינונגען (וואָס געפינען זיך בײַ דער יואַנט פון „האַראַם" אויך פון דער זײַט דאָוויד־גאַס). די אײַנוווינער פון די וווינונגען גייען דאָ דורך, און דערפון ווערט דאָ נאָך ענגער און דער קאָנפליקט פון רעליגיעס נאָך דראָענדיקער. עס קומט אויס, ווי די גאַנצע אַטמאָספער פון דער דאָוויד־גאַס, פול מיט טונקלקײַט, איפּעש און געטער, וואָלט דאָ געקומען צו אַ הויך־פּונקט.

איר גייט ווידער פאַרבײַ דעם ענגלישן סאָלדאַט, און דרייט זיך ווידער אַהער און אַהין איבער די שמאָלע געסלעך, און ווידער „אָדון", „באַקשיש", און ווידער רייכעס. עס איז קלעפּיק פון אַלע זײַטן.

עס איבלט.

שנעלער, ארויס, אוועק—אויסשפײַען...

וואָס פאר א פײַנלעכע פראָצעדורע! איר זײַט געקומען אין באַריר מיט צוויי „הייליקײַטן". אָבער איר זײַט נאָך ניט פארטיק. אָט איז דער קלויסטער פון „יעזוס־קיווער". אויך דאָ אן ענגלישער סאָלדאט. עס קריגן זיך די קאטאָליקן מיט די פראוואָסלאוונע, מיט די סירישע גאלאָכים, מיט די קאפטישע, מיט די ארמענישע, מיט די אביסינישע, מיט די ווייס דער טײַוול! יעדע סעקטע זאָגט, אז זי האָט דאָס „ריכטיקע אָרט". עס קומט צו קלעפ. און אָט הייבט זיך אָן א סעדרע קלויסטערס און מאָנאסטירן. דער הייליקער זון, די הייליקע מוטער, דאָס „הייליקע הארץ". עס גייען פראָצעסיעס. מאָנאכן, מאָנאשקעס, גאלאָכים פון אלע סאָרטן. און עס נעמט קיין סאָף ניט, אפילע ווען איר גייט ארויס פון דער אלט־שטאָט. די „הייליקע" פראנציסקאנער, און די בענעדיקטינער, און די יעזויִטן, און די „ווײַסע פאָטערס", און די קארמעליטן, און די דאמען פון ציִען, און די מיסיאָנערן, און די ביבל־געזעלשאפט. איטאליענישע, פראנצויזישע, דײַטשישע, רוסיש־פראוואָסלאוונע, ארמענישע. יעדער אימפעריִאליזם האָט דאָ ארײַנגעשיקט זײַנע „הייליקע", געשאפן מאָנאסטירן און שולן. און ווידער מאכמעדאנישע מאָסקן—מיט די מינארעטן, פונוואנען די „הייליקע" זינגען אראָפּ פינף מאָל אין טאָג, ווי די כאזאָנים. און יעשיוועס, און פייעס, פייעלעך פון אלע מאָסן—לאנגע, ברייטע, קײַלעכיקע, קאנטיקע. באלע־בעסלעך, כניאָקעס, פידיאָריקע קינדער מיט פייעס ביז די אקסלען. זשופּיצעס, שטרײַמלעך, ציצעס. און ווידער גאלאָכים מיט שווארצע קאפטאנעס, און ווידער דער ציילעם, און ווידער דער מאָסק. און רוסישע צערקוועס—ברוכשטיקלעך פון א צעשמעטערטער שווארצער פעסטונג. דער רויטער בעזעם האָט נאָך דערווײַל אהער ניט דערגרייכט.

די לופט איז געדיכט פון רעליגיע. געדיכט פון האס—דער פראָדוקט פון רעליגיע. ס'איז די „הייליקע שטאָט", דאָס „הייליקע לאנד".

דעם ציילעם האָט נאָך אויך בייסלעכעם (חוּ עס זיצט אן ענגלישער סאָלדאט אויך אין דער קירכע פון „יעזוס־געבורט"), און נאזארעט (נצרת). די וועגן זײַנען פול מיט מאָנאסטירן, הייליקע סטאטועס. און טווארייע (טבריה) איז אויך הייליק פאר צוויי רעליגיעס—קריסטלעכער און ייִדישער. און כעווראָן איז „הייליק" פאר אנדערע צוויי—מאכמעדאנישער און ייִדישער. און פאר פאריכטן „ראָכלס קייווער" קריגן זיך די צוויי רעליגיעס (דאָס פאָרהויז צום „קייווער" איז „הייליק" בא די מאכמעדאנער). און אזוי איז די לופט געדיכט אף וועג און שטעג. דאָ האָבן ייִדן פארכאפּט דעם „בעסטן אָרט" פאר א בעסוילעם (אין „טאָל פון יעשאָפאָט", הארט בא יערושאָלײַם)—איז א סינע. דאָ האָט מען „געפײַניקט יעזוסן"—שלאָגן זיך די סעקטעס פארן „ריכטיקן אָרט". אָט דאָ איז די מעאָראס האמאכפּיילע, דאָס סאמע „הייליקסטע" בא די מאכמעדאנער—ס'איז זייער אווראָם אָווינו, און טוט זיי וואָס! און אָט געפינט זיך גאָר „אווראָם אָווינוס בוים" אין א קאָנצעסיע בא די פראוואָסלאוונע: א רוסישער גאלעך נעמט צוויי פיאסטער פאר א קוק טאָן אף אים. און דער שאמעס בא „ראָכלס קייווער" וויל באקשיש, און אין נאזארעט און בייסלעכעם לויפט מען אײַך נאָך מיט הייליקע סוּווענירס... און פרומע ייִדן טאנצן בא שימען

בען יויכאָעס קיִוועה, און מאַכמעדאַנער טאַנצן בא מוישע ראַביינוס קייווער (נאַבי מוסא).

עכו!...

אן ענגלישער טוריסט האָט זיך באַרימט:

— איך בין שוין צוויי וואָכן אין „האָלי לענד" (הייליקן לאַנד) און איך האָב נאָך ניט אָוועקגעוואָרפן די רעליגיע, כאָטש איך ווייס ניט, וואָס איך וועל טאָן, אויב איך זאָל דאָ זײַן נאָך צוויי וואָכן...

קיין געפאַר איז ניטאָ. דער ענגלענדער איז געווען א גאַנץ גוטער אימפּעריאַליסט, האָט פאַרשטאַנען דעם ווערט פון פּאַלעסטינע פאַרן ענגלישן אימפּעריאַליזם, און ער וועט באַגרײַפן, וואָס פאַר א ווערט רעליגיע האָט—צו האַלטן דאָס „הייליקע לאַנד" צעשפּליטערט, אין אן אַטמאָספער פון גליִענדיקן האַס, קעדיי מע זאָל ווידער דאַרפן ענגלישע סאָלדאַטן...

אין פּאַלעסטינע וועט ניט זײַן קיין פרידן צווישן נאַציע און נאַציע, ביז דאָס גאַנצע קלאַפּערגעצײַג וועט ניט אויסגעקערט ווערן. אָבער דערווײַל גיסט מען פון דרײַ זײַטן „הייליקן" בוימל אויפן פײַער.

און דער ציִעניסטישער יִשעוו טוט זײַנס. ער איז א פעסטונג פון דער יאַרמלקע.

14

טעלאָוויוו דרייט זיך

אין אָמניבוס, וואָס איז געפאָרן פון די קאָלאָניעס קיין טעלאָוויוו, האָט זיך אריינגערוקט א גרויסע היטל־איינע פון יענע איבערגעקערטע שיסלען, וואָס ענגלענדער טראָגן אין די ווארעמע, קאָלאָניאלע לענדער. דער אייגנטימער פון דער היטל, אן ענגלישער ייִד, איינער פון די, וואָס פאָרן פון דער „מוטער" ענגלאנד אין די קאָלאָניעס מאכן געשעפט, איז געווען פול ביז די ברעגן מיט רייד. עפעס האָט אים געקאָרטעט. געטראָפן עמעצן, וואָס פארשטייט זײַן לאָשן, האָט ער זיך פאנאנדערגערעדט.

זײַנע א שוועסטער איז געקומען פון דאָרעם־אפריקע מיט געלט, באזעצן זיך אין „האָלילאנד" (הייליקן לאנד). א ציִעניסטקע געווען (ער שטרײַכט אונטער דאָס וואָרט „געווען"). זײַנען געקומען ציִעניסטישע באאמטע (זיי רופן זיך גאָר: „עקספערטן"!) און געהייסן איר ארײַנלייגן דאָס געלט אין א נאכלע, פראָדוצירן טוווע. האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער אייסעק טויג ניט. איצט איז מען געקומען און געהייסן איר מאכן אן אפעלסין־גאָרטן (ווו זײַנען די „עקספערטן" פריִער געווען?), קאָסט עס ווידער געלט, און דער שעטעך פון דער נאכלע איז ניט צוגע־פאסט. אף טוווע איז גוט צו האָבן א נאכלע אינדערלענג, און אף אפעלסינען איז גוט צו האָבן דעם גאָרטן פירקאנטיק. נו, א העלפט געלט האָט זי שוין פארלאָרן, און וואָס ווײַטער וועט זײַן וועט מען זען.

דאָס פאָרט ער איצט טאקע פון א באזוך בא דער שוועסטער.

ער האָט געשאָטן הייסע קוילן אף די ציִעניסטישע „עקספערטן" און אף דעם גאנצן גרויסן, זייער גרויסן, שטאט באאמטע, וואָס זיצט אין טעלאָוויוו, אין ירושאָלײַם, און ציט היפשע געהאלטן. יעדער איינער האָט א שוועסטערקינד, א שוואָגער, וואָס איז אן „עקספערט" און וואָס דאָס ייִדישע פאָלק דארף אים אויסהאלטן.

ביסלעכווײַז האָט ער זיך אָפּגעקילט און איז געוואָרן אופגעלייגט. דער געדאנק וועגן דער „עקאָנאָמיק" פון טעלאָוויוו האָט אים אמוזירט.

— איר פרעגט: פון וואָס לעבט טעלאָוויוו? קיין הינטערלאנד פארמאָגט עס ניט. טעלאָוויוו אליין איז א פערטל פון גאנצן ייִשעיו, און כוץ דעם זײַנען פאראן נאָך שטעט. 74 פראָצענט וווינט אין שטאָט און 26 פראָצענט—אפן לאנד. פון וואָס לעבט טעלאָוויוו? טעלאָוויוו לעבט אף א וועקסעלע. עס איז דאָ איין וועקסעלע, וואָס איינער גיט דעם אנדערן. מע האָט מיטגעבראכט פון פוילן דידאָזיקע פאָרמע פון

פירן געשעפטן און מע דרייט זיך. דאָס וועקסעלע וועט פּלאַצן—קיין פראגע ניט!— און עס וועט זיין א גרויסער קאַצניאָמער. איצט דרייט מען זיך.

„מע דרייט זיך"—די איינציקע יידישע ווערטער פון אונדזער פּאַסאַזשיר—איז דער פּיירעש אף די „געשעפטן" ניט נאָר פון טעלאָוויוו, נאָר פון גאַנצן „יישעוו". פּאָרט, לעמאָשל, אַריין אין ירושאָליים, טעלאָוויוו און כייפע, און פּרובירט זיך אויסדרייען פון די האָטעל־מענטשן מיט גאַנצע ביינער.

איר געדענקט שאָלעם־אַלייכעמס „פּעטער, איטאַליא", „פּעטער, טערקאַליא"? דאָ מאַכט מען עס ערגער. אין ירושאָליים האָבן די, וואָס האָבן פאַרלאָרן דעם פּאַסאַ־זשיר, זיך מוירעדיק געזידלט מיט די, וואָס האָבן געוואונען. אין כייפע האָט זיך איינער אַריינגעזעצט אין מאַשין—דער שאָפער איז, קלוימערשט, זיינער א באַקאַנ־טער. אז ער האָט דערהערט, ווי איך פאָר, האָט ער זיך צונאַנדערגעשריִען, ווי אף א טאַטן:

— ס'איז דאָך אן אראַבער! פע, א ייד זאָל קומען קיין פּאַלעסטינע און פאָרן צו אן אראַבער?! טוט א טויווע, קומט אָנקוקן אונדזער האָטעל! אז איך וועל באַצאָלן פאַר דער טאַקסי, וואָס אַרט אייך?

דער „אראַבער" איז גאָר געווען א דייטש, אָבער „אראַבער" איז א גוט וואָרט אין „יישעוו" באַם מאַכן געשעפט.

דערפאַר אין רעכויוועס האָב איך אָפּן אָרטיקן מאַרק פון גרינס געטראָפן אן אנדער באַציִונג: אז מע האָט געלט, גייט מען באַם אראַבער קויפן גרינס, ווייל ער פאַרקויפט ביליקער. אָבער אז מע האָט ניט קיין געלט און מע נעמט אף באָרג, אף א קוויטל, גייט מען צום יידישן קרעמער...

דאָס וועקסעלע!

דער „יישעוו" דרייט זיך. די לעצטע פּאָלקציילונג האָט באַוויזן, אז נאָר פופצן פּראָצענט (15,7) פון אלע זעלבסטעטיקע אין „יישעוו"—עלף טויזנט—איז באַשעפטיקט בא „אינדוסטריע און מעלאָכע" (שרעקט זיך ניט, וואָס די „היסטאַדרעס" זאָגט, אז זי האָט דרייסיק טויזנט מיטגלידער. ערשטנס, גייט שוין אהער אַריין ניט נאָר דער באַאַמטער און פּראָפעסיאָנאַל, נאָר שיר ניט דער כאַזן, שויכעט און מעלאַמעד אויך. צווייטנס, ווי מיר האָבן געזען, רעכנט די היסטאַדרעס צו צו איר מיטגלידערשאַפט אויך די פרויען פון די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. די „היסטאַדרעס" דרייט זיך אויך!). נו, פופצן פּראָצענט בא אינדוסטריע און מעלאָכע—ס'הייסט, קליינ־מעלאָכע, לאַטוטניק־מעלאָכע—איז בעעמעס א רעקאָרד, וואָס ניט אלע אלטע געטאָס האָבן געקאָנט באַוויזן. אין פּוילן מאַכט דער עלעמענט אויס—32 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג (32,2)...

האַקלאַל, דער „יישעוו" דרייט זיך. גערעדט פריער וועגן די קאַטרילעווקער האָטעלן. און וואָס זיינען די פּיקטיווע כאַסענעס, וואָס מע האָט דאָ ערשט געפּראַ־וועט, קעדיי די כאַלוצים, וואָס זיינען אַריין ווי טוריסטן, זאָלן קאָנען בלייבן? (מע האָט געצאָלט א באָכער, אָדער א מיידל, שיר ניט 25 פונט פאַרן גיין אונטער דער כופּע). איז דאָס ניט געווען א גליק פאַר שאָלעם־אַלייכעמס אן אנדער העלד—מענאַ־כעם־מענדל, דער אימפּאָרטירער פון קאַלעס?

דער „ישעוו" דרייט זיך און טעלאָוויוו דרייט זיך צום שטארקסטן. אין לאנד איז א טריקעניש? די אגריקולטור איז אַף קלאָגן? דער עקספּאָרט—און דער אימפּאָרט—איז געפאלן? וואָס ארט עס טעלאָוויוו! דאָ לעבט מען דען פון דער עקאָנאָמיק פון לאנד? טעלאָוויוו שרײַט: פּראָספּעריטי! באממע קריגן געלט—פון „גאָלעס"; די „היסטאדרעט" קריגט געלט פון א געווערקשאפטן־קעמפּיין—אין „גאָלעס"; די צײַטונג־קאָרעספּאָנדענטן קריגן צוגעשיקט האָנאָראר—פון „גאָלעס"; ביאליק קריגט פאר זײַן פארלאג באקשיש—פון „גאָלעס"; פאר דאווגען באם „קויסל", פאר לערנען אין צפאס, אין טווריע, און סתם פאר זײַן אן ארץ־ישראל־ייִד, קריגט מען געלט—פון „גאָלעס". טאָ וועמען ארט עס, וואָס דאָס לאנד טרינקט זיך אין נויט? ס'איז פּראָספּעריטי!

אזעלכע געשעפטן, ווי פאלעסטינע פארמאָגט, האָט נאָך קיין געטאָ ניט פארמאָגט. לעמאָשל, באם „קויסל" שטייען ייִדן און וויינען, קושן די פארפּעצטע שטיינער, קערן א וועלט. איר מיינט, זיי טוען דאָס אלעמאָל פאר זיך? ניין, דאָס וויינען זיי אָפּט פאר ייִדן אין „גאָלעס". יענע שיקן אהער געלט, מע זאָל וויינען פאר זיי!

די „אינדוסטריע" פון „בעטן גאָט" פאר ייִדן אין „גאָלעס" איז עפּשער די „שווערסטע אינדוסטריע" פון דער „נאציאָנאלער היים"... אין אמעריקע, ווי באַוווסט, גייען־ארום בריוו, וואָס קומען אָן פון אזעלכע פּראָפעסיאָנעלע בעטער אָדער פון ייִדן, וואָס שיקן „אלבאָמען" פון „הייליקן לאנד". אין יערושאָלאַים איז דאָס א פעסטער געשעפט. אזא מין עקספּעדיטער פון בריוו קאָן אמאָל אויסגעבן צענדליקער דאָלער א טאָג פּאָסט־געלט און האָבן בא זיך א גאנצע בוכאלטעריע, נאָכצופאָלגן זײַנע קאָרבאָנעס מיט ווײַטערדיקע בריוו,—אויב זיי זײַנען אזעלכע (און אזעלכע!) און ווארפן ניט ארײַן א ייִדן אין ערעץ־ייִסראָעל עטלעכע דאָלער!... (דאָ רעדט זיך פון די גרויסע עקספּעדיטערס. אגעוו, צווישן די קריסטן, ארום די יעזוס־ערטער, זײַנען אויך פאראן אזעלכע געשעפט־לײַט).

מע דרייט זיך. טעלאָוויוו האָט זיך גאָר א נעם געטאָן ניט לאנג צוריק בויען הײַזער. עס איז דאָ אומעטום קוויטלעך „להשכיר"—צו פארדינגען—אָבער מע האָט גענומען בויען. געווען איז דאָס, ווען דער פונט האָט א פאל געטאָן, פארלאָרן מיטאמאָל שיר ניט א דריטל פון זײַן ווערט (דער פאלעסטינער פונט הענגט אפּן ענגלישן). האָבן זיך עטלעכע געלטיקע ייִדן, וואָס געדענקען די אינפליאציע פון פוילישן מארק, מעיאשעוו געווען און אָנגעהויבן ארײַנלייגן זייערע אײַנגעשרומפּענע פונטן אין הײַזער. איז אז אין א „שטאָט" פון פינף אין פערציק טויזנט שטעלט מען זיך בויען עטלעכע צענדליק הײַזער מיטאמאָל, אויסער דער נאטירלעכער באָרמע,—ווערט פלוצלינג פּראָספּעריטי. און דער „סאָציאליסטישער" „דבר" האָט ארויסגערוקט אן אנדער טעזיס פאר געלטיקע ייִדן: טעלאָוויוו איז דער אייִנציקער אָרט, ווו איר זײַט באוואָרנט פון סאָציאלע צוזאמענשטויסן...

איצט איז עפּעס שטיל געוואָרן מיט דער „פּראָספּעריטי". און עס ווײַזט זיך ארויס, אז צום יאריד (אָדער „אויסשטעלונג"), אן אנדער קוואל פון „פּראָספּעריטי" אין טעלאָוויוו, האָט מען דערלייגט געלט (דאָס רעדט מען אינדערשטיל, קיין רעכענונג איז ניטאָ). און די שטאָט אליין טאָר ניט בויען, ווײַל איר ביודזשעט ווערט קאָנטראָלירט פון דער רעגירונג (די שטאָט פון 45 טויזנט אײַנוווינער האָט

שוין איינמאָל באַנקראָטירט—אַזאַ מין פּראָספּעריטי!—כּמעט פּאַר שולן און אַנדערע אינסטיטוציעס צאָלט דער „גאָלעס"). אָבער מע וועט זיך מיינאַסטאַם ווידער אַ וועגד טאָן צום „גאָלעס" און עס וועט ווידער זײַן „הידד!".

ס'איז אַ גאַנצער „יישעוו", וואָס לעבט אויף „באַקשיש". אין פּעסאַכטיקווא, ווי אין טעלאָוויוו אָדער אַנדערע ערטער, זײַנען דאָ פּעט־געוואָרענע קאָלאָקס,—פּעט געוואָרן אויף די געלטער פון „גאָלעס". אָבער זיי ווילן קיין געלט ניט געבן אויס־צוהאַלטן די אָרטיקע שולן, שפּיטאָלן און אַנדערע אינסטיטוציעס. דאָס דאַרף דער „גאָלעס" אויסהאַלטן!

עמעצער האָט אין טעלאָוויוו אַ פרעג געטאָן:

— איר זײַט פון אַמעריקע? פאַרוואָס האָבן עפּעס די אַמעריקאַנער ייִדן אופגע־הערט שיקן געלט?

געזאָגט האָט ער עס מיט גרויס פאַרדראָס. בעעמעס טאַקע, אַזאַ כוצפּע פון „גאָלעס"־ייִדן!

וואָרעם טעלאָוויוו היט דאָך אָפּ ייִדישקײַט אויך. פון ירושאָלײַים איז אָפּגע־רעדט. אין ירושאָלײַים זײַנען איינמאָל אַ שאַבעס ארויסגעפאָרן עטלעכע אָמניבוסן מיט פּאַסאַזשירן, איז אָפּמאָרגן געווען פּלאַקאַטן אין גאַס:

„שומר שמים!" (שטוינט הימלען!) אכט „מכוניות" (מאַשינעס) פון דער פירמע „המהיר" (האַמאָהיר) זײַנען נעכטן ארויסגעפאָרן מיט פּאַסאַזשירן. ירושלים, ירושלים! הו, מה היה לנו! איכם, בני ישראל? צא בארף נפש למחות נגדם!" (ייִרושאָלײַים, ייִרושאָלײַים! ווי, וואָס פון אונדז איז געוואָרן! ווו זײַט איר, קינדער פון ייִסראָעל? גייט מיט מעסירעס־נעפעש קעגן זיי!).

און דער ראָוו קוק האָט גערופן די טוער פון „האַמאָהיר" (אַ היסטאַדרעס־קאָאָפּעראַטיוו), און—קורץ און גוט—די היסטאַדרעסניקעס האָבן צוגעזאָגט אָפּצוגעבן דאָס געלט פון די פּאַסאַזשירן פאַר „ייִדן אויף שאַבעס און מער וועט מען ניט פאָרן!".

און אין טעלאָוויוו אויך. ניין, דאָ איז נאָך ערגער, ווײַל ס'איז דאָך אַ „ריין־ייִדישע" שטאָט. טרובעט מען פרײַטיק פאַרנאַכט מיט אַזאַ מין שויפער־טרומייט. פרײַטיק־צו־נאַכט טאָרן די קינאָען ניט שפּילן. שאַ, טויט. די אָמניבוסן פאָרן ניט אַ גאַנצן שאַבעס, און אַז מע וועט כאַפּן אַ ייִדישן איזוואָשטשיק פאָרן, וועט אים מער ניט פעלן. טעלאָוויוו איז דאָ געצוווּנגען—הוי ואבוי!—צו ברעכן איר באָיקאָט אויף אַראַבישע אַרבעט. וואָס טוט מען, אַז מע דאַרף צו אַ דאָקטער? און ווער וועט אַרומפירן די אײַז אין אָזעלכע ברענענדיקע שטויביקע טעג? די שטאָט־פאַרוואַל־טונג אַליין איז געצוווּנגען צו האַלטן עטלעכע „שאַבעס־גוייִם"...

נאָר אַבי מע גייט שפּאַצירן און מע קאָנטאַקט—אָדעסער רוסיש. עס זײַנען פאַראַן ייִדישע ווײַסע עמיגראַנטן, געוועזענע ספּעקוליאַנטן אין רוסלאַנד, וואָס האָבן זיך דאָ באַזעצט. איר טרעפט ווײַסע עמיגראַנטן אין קאַירא, אין אינסטאַנבול—אין טעלאָוויוו זיצן זייערע ייִדישע ברידער. און זיי, מיט זייערע מישפּאָכעס, לאָזן זיך הערן אויף אַלענבי־גאַס, אָדער ראָטשילד־בולוואַר.

דעם עמעס געזאָגט, הערט מען גאָר אַסאַך ייִדיש, און דאָס איז אין אָנגעווייז־טיקטער אָרט בײַ דער „שטאָט". מע זאָגט, אַז זעכציק פּראָצענט פון דעם „יישעוו"

רעדט יִדיש, א צוואנציק—רוסיש, א צען—העברייִש, א צען—אנדערע שפּראכן״. פאר אָט דער יִדישיסטישער סטאטיסטיק איז שווער צו קאווירן. איינס איז זיכער: איינמאָל האָט א טעלאָוויזיע קינאָ־אייגנטימער אראָפּגעבראכט א יִדיש־ריידנדיקע פילם פון אמעריקע (עפּעס א נאָמען מיטן וואָרט „מוטער״). איז די גאס געווען שווארץ פון מענטשן. אָבער געוויזן די פילם האָט מען ניט—ניט אין טעלאָוויזיע! עס איז געקומען די „האגאנא״, צעפליקט דעם לייוונט, פּראָוואָצירט געשלאָגן, און—מע האָט די פילם געהייסן אראָפּנעמען דעם ערשטן אָוונט.

איז ווידער גוט. איינס איז נאָר שלעכט, וואָס אין טעלאָוויזיע, ווי אין אן עכט יִדישן שטעטל, דרייען זיך ארום מעשוגאָיִם...

אין מיטן מײַ האָט דער „דואר היום״ („טעגלעכע פּאָסט״, א צײַטונג אין יערושאָלאיִם), מיט א גרויסן קאָפּ אף דער ערשטער זײַט, געמאכט א גוואלד: צוואנציק מעשוגאָיִם דרייען זיך ארום אין טעלאָוויזיע איבער די גאסן!...

פּראָספּעריטי!

מינאסטאם וועט מען זיך ווענדן צום „גאָלעס״. און באלד וועט מען עפּשער הערן פון א „דרײַוו״ אין אמעריקע פאר אן אינסטיטוציע אין טעלאָוויזיע אף האלטן די מעשוגאָיִם. ערעץ־יִסראָעלדיקע מעשוגאָיִם—ניט קיין קלייניקייטן!

דאָס אלץ איז בעשומויפן קיין פּעליעטאָן ניט. דאָס איז דער „יִשעוו״. מענאכעם־מענדעליזם איז א צו פּראָדוקטיווער באגריף פאר דער געטאָ, וואָס דער ציִעניזם האָט באשאפן. עס איז א זאך, וואָס לעבט אף „באקשיש״ (דאָס איז, דאכט זיך, א באגריף, וואָס נעמט ארום סײַ שנאָרערײַ און סײַ כאבאר) און וואָס האָט לאכלוטן קיין שײַכעס ניט מיט די אינטערעסן פון די יִדישע מאסן אין אנדערע לענדער. וואָלט דער ציִעניסטישער „יִשעוו״ גענומען אין אכט די אינטערעסן פון די יִדישע מאסן אין פּוילן און אנדערע ערטער, ווי מע קלאָגט זיך, וואָס מע באדויבט יִדישע האָרעפּאשניקעס פון זייער רעכט אף ארבעט, וואָלט ער שוין צוליב דעם אליין ניט געטאָרט אזוי ווילד טרײַבן די וואקכאנאליע קעגן „אראבישער ארבעט״ („פרעמדער ארבעט״—„עבודה זרה״—הייסט עס. דער אראבער איז א „פרעמדער״ און דער נאָר־וואָס געקומענער כאָלוץ איז אן אָרטיקער...). נאָר וואָס איז דאָ פאראן צו ריידן פון אזעלכע זאכן. די ציִעניסטישע אוואנטיורע האָט זיך איר פּאָליטיק, וואָס לייגט אונטער א פײַער אונטערן גאנצן „יִשעוו״. און די „באקשיש״־לײַט גופע—זיי גייט דער „גאָלעס״ אָן אף אזויפיל, אף וויפל מע קאָן פון אים עפּעס ארויסציִען. אָט דער יִשעוו איז ווילדפלייש, וואָס קאָן וואקסן נאָר אין פּאלעסטינע (אף דעם איז דער פארשלאָסענער באָדן פרוכטבאר).

דעם „יִשעוו״ שטייט אָבער פאָר זייער אן אומאנגענעמע דערוואכונג. דער „דבר״ קאָן עפּשער פעדלען מיט פארזיכערונגען קעגן סאָציִאלע צוזאמענשטויסן, אָבער פּאלעסטינע איז גראדע אין סאמע געווירבל פון צוזאמענשטויסן, וואָס טראָגן זיך איבערלופטן.

אין פאלעסטינע איז דאָ אזא זאך, ווי א „כאמסין”—א באזונדערס שטארקע היץ, וואָס קומט אָן פון מידבער און וואָס רויבט צו דאָס לעצטע ביסל לופט צום אָטעמען. עמעצער האָט מיר געזאָגט אין טעלאָוויוו, אז מע דערקאָנט אן אָנקומענדיקן „כאמסין” לויטן אויסזען פון יאם: אויב די כוואליעס ווערן עפּעס „מאָדנע שטיל”, איז א סימען, אז מאָרגן וועט זיין א „כאמסין”.

אין טעלאָוויוו איז „מאָדנע שטיל”. דער ארבעטער וווינט אין באראקן, אף די הייסע און טיפע זאמדן (די זייטיקע גאסן זיינען ניט ברוקירט). די עקספּלואטאציע איז א גרויסע. די טיימענער יידן לעבן ווי די בעטלער, טראָגן נאָך די מאדאמעס די קאָשיקעס פון מארק. אָבער דער באאמטער, דער לעפל־מענטש, דער ווייסער עמיגראנט, דער ספּעקולאנט, דער ציוניסטישער צייטונג־קאָרעספּאָנדענט—פאר זיי איז שטיל, „פּראָספּעריטי”, מאָדנע שטיל...

דער שטורעם וועט אָנקומען—אזוי זיכער, ווי דער „כאמסין” קומט אָן. אין די אינטערעסן פון די יידישע האָרעפּאשנע מאסן אין פּאלעסטינע מוז מען וואָרענען, מוז מען באקעמפן די ציוניסטישע אוואנטיורע, מוז מען שטארקער שמידן דעם פאריייניקטן פראָנט פון די אראבישע און יידישע האָרעפּאשניקעס, צום קאמף פאר דער מאכט פון די ארבעטער און פּויערים אין אראביסטאן, וואָס נאָר די מאכט וועט אָפּשאפן ראסן־האס, לייזן די נאציאָנאלע פראגע און בויען די געזעלשאפט, ווו אלע איבלען פון דער איצטיקער סיסטעם וועלן אָפּגעשאפט ווערן.